STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11395

# FUN TINKELKEYT TSU LEKHTIGKEYT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פון טינקעלקייט צו לעכטיגקייט

## נס ההצלה של כ"ק מרן
## אדמו"ר מוהר"א מבעלזא זי"ע
## ואחיו הגה"צ מוהר"ם מבילגורייא זי"ע

ליום ט' בשבט

ונוסף לזה
מאמר "חינוך הבנות"
מכון להוצאת ספרי חינוך ויהדות


**ארויס געגעבן דורך:**
**בנות ירושלים דחסידי בעלזא**
*12 Franklin Avenue*
*Brooklyn N. Y. 11211*

שנת תשמ"ב לפ"ק ברוקלין נ.י.

בהוצאת
מכון להוצאת ספרי חינוך
שע״י
בנות ירושלים דחסידי בעלזא

# באלערנטע און אינטערסאנטע קורצע זאצן באשרייבונגען
# פון די תקופה
## יאר תרצ״ג — תש״ה

כל הזכויות שמורות
COPYRIGHT © 1980 BY

BNOS YERUSHULAIM D'CHASIDEI BELZ
12 FRANKLIN AVENUE
BROOKLYN, N.Y. 11211
(212) 852-5551

המחיר [illegible] דאלער
כל ההכנסות קודש
וכל המוסיף מוסיפין לו מן השמים

*Photocomposition by*
Graphi-Text Inc.
1369-45th Street
Brooklyn, N.Y. 11219
(212) 854-2133

נדפס בדפוס האחים גרויס

Printed in U.S.A. GROSS BROS. Printing Co. Inc.
3125 SUMMIT AVENUE UNION CITY, N J 07087
Tel. (201) 865-4606

# פארווארט

**יעדער איד וואס איז געראטעוועט געווארן,**
**האבן אים צוויי מלאכים געהיט'ן.**

(מדברי כ״ק מרן אדמו״ר מהר״א זי״ע)

**מיט גרויס פרייד און ליוב דאנקען מיר דעם בורא עולם, וואס מיר האבן זוכה געווען ארויס צוגעבן דעם קונטרס** ״פון טינקלקייט צום לעכטיגקייט״ **וועלכער איז א המשך צום סעריע פון די ספרי לימוד** ״דער וועג פון תורה און חסידות״ **וואס קומט ארויס דורך אונזער** ״מכון להוצאת ספרי חינוך ויהדות״.

**אין א קורצען אויספירלכען אופן, ווערט דא ארויסגעברענגט די ״רעטונגס-פרשה״ פון** כ״ק מרן ציס״ע רשכבה״ג אדמו״ר מהר״א מבעלזא זי״ע, **און זיין ברידער** הגה״ק מהר״ם מבילגורייא זי״ע, **די אלע זייערע פלאגן און וואנדערונגען וואס האט זיך געצויגן פולע יאהרן, פון איין ארט צום אנדערן אין די מדינות פון — אייראפע־אסיה — ביז זיי האבן זוכה געווען צו טרעטן אויפ'ן הייליגן באדן פון ארץ ישראל .**

**מיט א אויסערגעווענליכע מיה, האבן מיר אויך צוגעלייגט — אויפ'ן שפיץ גאפל — וויאזוי ס'האט דעמאלט אויסגעזהן נעבעך דער וועלט'ס מצב אין יענע ביטערע צייטן, און דאס אויך נאר גאר אין קורצען, ווייל די פעדער וועט מיד ווערן און דאס פאפיר וועט זיין צו ווייניג, ווען מ'וויל פארשטעלן דעם טראגעדישער שרעקליכן חורבן וואס האט דעמאלט געטראפן דאס אידישע פאלק.**

**מיר האבן דא געעפנט, א קליין פענצטער לויט אונזער באגרעניצטע מעגליכקייטן, אז דער יונגער דור זאל וויסן די ביטערע גזירה וואס 6 מיליאנען אידן זענען נעבעך פארניכטעט געווארן ה' ינקום דמם, און די אידן וואס זענען געבליבן צום לעבען מיט וואס פארא פיינוגען און יסורים זיי זענען אריבער.**

**אויך וועגן די נסים ונפלאות אין געוואלדיגע חסדים וואס השי"ת האט אפגעהיטען דעם שארית הפליטה וואס איז ניצול געווארן ווי עס איז ידוע די הייליגע ווערטער פין כ"ק מרן הק' זי"ע :** "אז דער רשע האט געמיינט א יעדן איד און געוואלט אויס זידלען כלל ישראל פין די גאנצע וועלט און יעדער איד וואס איז ניצול געווארן האבן אים צוויי מלאכים אפגעהיטן", **און השי"ת האט אונז איבערגעלאזט די צוויי עמודי עולם** כ"ק מרן מהר"א זי"ע און זיין הייליגן ברודער **וואס דאס איז געווען דער נייער פונדאמענט שטיין, צום הייליגן בעלזער שלשלת** ווי דער ערשטער בעלזער רבי דער שר שלום **זי"ע האט געזאגט און מבטיח געווען "בעלזא וועט זיין א ווינקל פון תורה ויר"ש ביז משיח וועט קומען"**

**השי"ת זאל אונז ווייטער העלפן און דער גרויסער זכות פון כ"ק מרן זי"ע, זאל אויף אונז מגין זיין און אויפ'ן גאנצען כלל ישראל און מען זאל געהאלפען ווערן מיט א אייביגע ישועה, אמן.**

שבט תשמ"ב

מכון להוצאת ספרי חינוך ויהדות
שע"י בנות ירושלים דחסידי בעלזא
וויליאמסבורג

# מאפילה לאורה — ט׳ שבט

אין חודש שבט אין יאר תרצ״ג, (1933) איז דער גרויסער שונא ישראל ״אדולף היטלער ימ״ש״ ארוף אויף דער מאכט אין געווארן דער קאנצלער (פרעזידענט) אין דייטשלאנד. היטלער׳ס מענטשן האבן געהייסן נאציס (אנטיסעמיטן).

דער רשע האט געוואלט צוויי זאכן:

1) ער האט געוואלט אויס׳הרג׳ענען אלע אידן.

2) ער האט געוואלט הערשן אויף גאנץ איראפה און אפשר אויך אויף די גאנצע וועלט.

**ווי אזוי האט ער דאס געטאן?**

**ער האט איינגערעדט פאר די מענטשן פון דייטשלאנד, אז אלע צרות וואס זענען געקומען אויף דייטשלאנד און אויף אירע מענטשן ביי די ערשטע וועלט מלחמה (דאס הונגער א.א.וו.) איז אלעס נאר צוליב די אידן.**

**דער רשע, דער צווייטער המן, האט אויפגעשטעלט פאליציי און סאלדאטן, באוואוסט מיטן נאמען ״עס עס״ לייט. זיי זענען געווען געקליידעט מיט שווארצע ראקן און היטן אויף וואס ס׳איז געווען ארויף געמאלן א קאפ פון א טויטן מענטש. די מענטשן זענען אנגעפאלן אויף די אידן צוגערויבט אלעס, גע׳הרג׳עט, צובראכן, א.א.וו. אויך אין די שולן האבן זיי זיך אריינגעכאפט און גע׳גנב׳עט די זילבערנע קרוינען און די צירונגען פון די ספרי תורות.**

## פון וואו שטאמט דער נאמען ״אנטישמי״

נח האט געהאט דריי זוהן: שם, חם, און יפת.

אידן שטאמען פון שם, נח׳ס בעסטע זון. די אבות הקדושים, אברהם, יצחק און יעקב, האבן געלערנט תורה אין דעם בית

המדרש פון שם ועבר. השי״ת האט אונז אויסדערוועלט, די ״בני שם״ פון אלע פעלקער צו זיין, זיין באליבט פאלק, און האט אונז געגעבן די תורה הקדושה. די נאציס ימ״ש זענען געווען ״אנטי־סעמיטן״. דאס מיינט ״אנטי־שם״ — קעגן די קינדער פון שם. דער נאמען אנטי־סעמיט, גייט ארויף אויף אלע שונאי ישראל פון אלע תקופות (דורות). נאר די נאציס זענען געווען די ערגסטע אנטי־סעמיטן און די גרעסטע שונאי ישראל פון אלע דורות זייט דער בית המקדש איז חרוב געווארן.

## היטלער ימ״ש ברענגט אריין רשעות און שנאה

אין זיין בוך ״מיין קאמף״ האט היטלער ימ״ש אויסגעדריקט זיין שנאה קעגן די אידן... זיי זענען א נידריג פארשמיצט פאלק און מיר די דייטשן זענען פון בעסערע העכערע מענטשן. פיל מאל פלעגט ער אויסשרייען פאר א גרויסן עולם, ווער זענען די גרעסטע עשירים אין די גאנצע וועלט! ביי וועמען ליגט דאס גאנצע געלט! אלעס די אידן! און נאך אמאל די אידן! די אידן זענען די שולד פון אלע צרות אויף דער וועלט.

אזוי האט ער אנגערייצט טויזנטער מענטשן און דורך דעם איינגעפלאנצט שנאה אין די הערצער פון די דייטשן.

אין זיין חלום האט אנגעהויבן מקוים צו ווערן. די ערשטע גזירה וואס היטלער ימ״ש האט ארויסגעגעבן איז געווען י״א ניסן תרצ״ג (1933). ער האט גוזר געווען אז יעדע איד וואס ארבעט אין די וויכטיגע שטאטישע שטעלעס, אדער אפילו א גוי וואס זיינע עלטערן אדער זיידעס זענען געווען אידן דארפן ארויסגעווארפן ווערן. אזוי זענען פיל אידן געבליבן אן א שטיקל ברויט צו דערכאפען זייער חיות.

## טהרה קעגן טומאה

פון ווען דער רשע איז געווארן דער הערשער איבער דייטשלאנד האט ער נישט אויפגעהערט אויסצורופן אז ער איז

דער וואס וועט אויס'הרג'ענען אלע אידן פון קליין ביז גרויס, קינדער פרויען און מענער; אין גאנץ אייראפע און אין די גאנצע וועלט. און ער וועט נישט רוען ביז עס וועט נישט איבערבלייבן א זכר פון זיינע שונאים די אידן. און פארוואס קומט זיך זיי דאס אלעס? ווייל זיי זענען **"אידן"!** ווייל זיי האבן דעם נאמען **"איד"!!!**

איבערהויפט האט ער פיינט געהאט אידן — שומרי תורה ומצוות. מיט זיין גרויס רשעות האט ער פארשטאנען דאס די ערליכע אידן זענען די וואס צוליב זיי שטייט דאס אידישע פאלק און מען קען זיי נישט אומברענגען. ער האט געוואוסט אז צוליב די קדושה און טהרה פון די רבי'ס(אדמור"ים), רבנים, דיינים, מורי הוראה, און קינדער וואס זיצן און לערנען די הייליגע תורה, קען נישט די כח הטומאה — די גויים, שולט זיין אויף די אידן.

די מלחמה איז געווען צווישן אט די אויבנדערמאנטע הייליגע אידן און מיט דעם שפיץ פון טומאה, היטלער ימ"ש, וואס האט געוואלט פארטיליגן די אידן ביז עס וועט נישט בלייבן קיין זכר פון זיי. אזוי ווי ער האט פיל מאל אויסגערופן: **"ביז צום לעצטן איד ח"ו** — רח"ל.

דעמאלס איז אייראפע פול געווען מיט טויזנטער אידישע קהלות אין פוילן, גאליציע, אונגארן, טשעכאסלאוואקיע, ליטא, און נאך אסאך. אין פוילן אליין האבן געוואוינט בערך דריי מיליאן אידישע נפשות.

## דער "אנשלוס" מיט אוסטריה (עסטרייך)

אין יאר תרצ"ח האבן די דייטשישע ארמייען איינגענומען עסטרייך. די איינוואוינער פון עסטרייך וועלכע זענען געווען גרויסע שונאי ישראל האבן געקענט באשטיין צו זיין אונטער די הערשאפט פון די דייטשן, און האבן גענומען שרעקליך צו פייניגן

די אידן. בעיקר האבן זיי אסאך צרות אנגעטאן פאר די רבנים און מנהיגים פון די ערליכע אידן. זיי האבן גע׳אסר׳ט צו דאווענען אין שוהל מיט מנין, און די עלטערע רבנים האבן זיי אויסגעוועלט צו זיין גאסן־קערערס, בשעת זיי האבן געקערט די גאסן האבן די רשעים געטיילט קלעפ אן קיין טראפ רחמנות, אזעלכע און ענדליכע רשעות׳דיגע שטיקלעך האבן זיי אפגעטאן.

## ״די קריסטל נאכט״

ט׳ מר חשון (מר — ביטער איז טאקע דאן געווען), צוויי אזייגער ביינאכט, האבן זיך די גויים געפערליך צופלאקערט. עס האבן זיך אנגעהויבן די ערגסטע צרות פאר אידן. די נאציס האבן עס אנגערופן די קריסטל נאכט ווייל עס זענען געווען פיל שריפות וואס האבן באלאכטן דעם הימל אין מיטן די נאכט אזוי ווי א קריסטל שטיין. בתי מדרשים זענען פארברענט געווארן, געשעפטן זענען בארויבט געווארן, און די פייער לעשערס האבן זיך נישט באוויזן נאר כדי צו ראטעווען דאס פארמעגן פון די גוי׳אישע שכנים.

צוויי טעג נאך די פאגראמען האט דער גרויסער שונא ישראל היידרוך — דער הויפט פון די פאליצייען אראפגעשריבן:

101 בתי מדרשים זענען פארברענט געווארן
76 בתי מדרשים זענען חרוב געווארן
7,000 אידישע געשעפטן זענען צובראכן געווארן
כאטש 91 אידן זענען גע׳הרג׳עט געווארן
מער ווי 10,000 האט מען געכאפט און געשיקט צו די ״קאנסענטרעישן קעמפס״ וואס פון דארט איז שוין קיינער נישט צוריק לעבעדיגערהייט.

## ״נסיונות יציאה מעמק הבכה״

קיין איין מדינה איז נישט געווען גרייט אנצונעמען אנטלאפענע אידן וואס האבן פראבירט צו אנטלויפן פון די

גרויסע רשעים. עטליכע שיפן וואס האבן מצליח געווען ארויסצופארן פון דייטשלאנד זענען צוריק געשיקט געווארן צו זייער לאנד, ווייל קיין איין מדינה האט נישט ערלויבט די אידן אריינצוקומען אין זייער לאנד. אויך די טויערן פון ארץ ישראל זענען געווען פארמאכט ווייל די ענגלענדער זענען דארט געווען און זיי האבן נישט אריין געלאזט די אידן. דאס האט געוויזן פארן רשע אז קיינער אין קיין שום פלאץ, ווייל נישט די אידן, אפילו אמעריקע האט געלאזט וויסן אז זי קען נישט לאזן טויזנטער מענטשן אימיגרירן במשך איין יאר — און אין די לענדער פון אירופה האבן געוואוינט מיליאנען אידן.

## דער אנהייב פון די צווייטע וועלט מלחמה

פרייטאג, י״ז אלול תרצ״ט האט היטלער ימ״ש מיט זיין ארמיי באפאלן פוילן און אזוי האט זיך אנגעהויבן די וועלט מלחמה. דאס איז געווען אזא מלחמה וואס עס איז נאך נישט געווען אויף דער וועלט. פוילן איז אונטערטעניג געווארן צו דייטשלאנד און אלע אידן פון דארט האט מען אריין געלייגט אין ״געטאס״.

## די געטאס

ווען אלעביימער וואלטן געווען פאפיר און דאס גאנצע וואסער אין ים וואלט געווען טינט וואלט געווען אוממעגליך צו באשרייבן די צרות וואס אידן האבן געליטן אין די געטאס וואס די נאציס ימח שמם האבן אויפגעשטעלט אין די אייראפעאישע גאסן.

וואס מיינט געטא? וואס זענען געווען די געטאס?

די דייטשן ימ״ש האבן אפגעשיידט גאסן און זיי באצוימט מיט שטארקע הויכע מויערן אזוי אז עס איז געווען אוממעגליך צו אנטלויפן פון דארט. אין א גאס וואס 2,000 מענטשן האבן געקענט וואוינען, האבן טויזנטער, טויזנטער מענטשן געוואוינט.

די ווארשא געטא איז געווען די גרעסטע געטא אין פוילן, דארט האט מען אריין געשטופט מער ווי 500,000 מענטשן אין א פאר קליינע גאסן. פארשטייט זיך אז זיי האבן נישט באקומען צופיל צו עסן דארט. די קארגע דייטשן האבן געטיילט אויסגעטריקנטע שטיקלעך ברויט נאר צו די וואס האבן זיך איינגעשריבן צו דער ארבעט. די אנדערע וואס זענען געווען צו שוואך צו ארבעטן האבן גארנישט באקומען. נאך אטאג פון עבודת פרך האט מען געקענט באקומען א טראפ זופ מיט א קליין שטיקל אויסגעטרוקנטע ברויט.

טאג טעגליך זענען טויזנטער וואס האבן נישט געקענט פארטראגן דעם שווערן מצב, אויסגעשטארבן, אויסער דעם זענען טויזנטער גע׳הרג׳עט געווארן אדער געשטארבן דורך אנדערע מיתות משונות וואס די נאציס ימ״ש האבן אויסגעפירט.

## טויט לאגערס

עס זענען געווען לאגערס וואס אויף זיי איז געשטאנען **״ארבעט מאכט פריי״**. אהין פלעגט מען שיקן טויזנטער מענטשן מענער, פרויען, און קינדער, מען פלעגט אלע פירן צו א פלאץ וואס דארט האט זיי אפגעווארט א דאקטער וואס זיין ארבעט איז געווען צו זאגן זיין ווער איז פעאיג צו ארבעטן און ווער נישט; צוליב פארשידענע טעמים שוואך אדער קראנק, אלט, א.א.וו. ער האט געוויזן מיט זיין שטעקן רעכטס — וואס האט געמיינט צום לעבן; לינקס — וואס האט געמיינט צום טויט רח״ל. פארשטייט זיך אז פרויען, קינדער, און אלטע מענטשן זענען געשיקט געווארן לינקס. די אלע וואס מען האט זיי געוויזן לינקס, האט מען געברענגט צו די ״גאז קאמערן״. הונדערטער מענטשן זענען אריינגעפירט געווארן אין איין שטוב — די שטארקע אייזערנע טירן זענען פארמאכט געווארן — און איינע פון די פארשאלטענע נאציס האט אריינגעלייגט גאז וואס

האט יעדן דערשטיקט צום טויט. פון די צימערן האט מען געקענט הערן די קולות וואס האבן מיט זייער לעצטע כוחות געשריגן ״שמע ישראל״... ביז זייערע נשמות זענען ארויס.

עס זענען געווען פיל אזעלכע גאז קאמערן. אוישוויץ איז דאס מערסטע באוואוסט פון אלע – פיל טראנספארטן פון טויזנטער מענטשן זענען אהין פארשיקט געווארן טעגליך.

זעקס מיליאן אידן זענען גע׳הרג׳עט געווארן על קידוש השם אין די זעקס יאר (תרצ״ט־תש״ה). עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז ווען די אנדערע פעלקער־לענדער וואלטן זיך קעגן געשטעלט וואלט דער רשע דאס קיינמאל נישט געקענט אויספירן. נאר די וועלט האט צוגעקוקט און געשוויגן – צוגעקוקט און זיך געפריידט!




דער טויער פון דעם טויט-לאגער אין ״אוישוויץ״, וואס איז אויפגעשריבן: ״ארבעט מאכט פריי״

## "היהדות החרדית באירופה"

ביז יעצט האבן מיר נאר דערציילט אביסל, אזוי ווי א טראפ פון גרויסן ים, וואס עס האט זיך אפגעטאן אין די זעקס יאר. דאס איז כדי מיר זאלן קענען פארשטיין וואס פאר א גרויסע נס השי"ת האט געטאן מיט אונז ווען ער האט געראטעוועט **כ"ק מרן אדמו"ר מוהר"א מבעלזא זי"ע** און זיין ברודער **כ"ק הגה"צ מוהר"מ מבילגורייא זי"ע.** נאר קודם וועלן מיר באשרייבן ווי אזוי דאס אידישע, חסידישע לעבן האט אויסגעזען פאר די ביטערע צרות. דורך דעם וועלן מיר בעסער צוקומען צו פארשטיין צוויי זאכן:

1) וואס פאר א גרויסע חורבן דער גרויסע רשע און שונא ישראל, היטלער ימ"ש האט אנגעמאכט.

2) דער גרויסער נס וואס איז פארגעקומען ביים הצלה פון כ"ק מרן זי"ע.אין זיין ברודער הגה"צ מבילגורייא זי"ע.

## תפארת קדושה און מלכות

פאר הונדערטער יארן נאך פאר די צווייטע וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן, איז אייראפע געווען דער גרעסטער צענטער פון אידישקייט. פיל אידישע קהלות האבן געבליעט אין יעדעווינקל פון אייראפע.

מיליאנען אידן האבן געוואוינט אין איירופע — מערסטנס פון זיי זענען געווען חסידים און ערליכע אידן. אפילו די פשוטע מענטשן וואס האבן נישט געלערנט תורה זענען געווען אנגעזאפט מיט יראת שמים און תמימות. מוסדות התורה, בתי מדרשים, חדרים און ישיבות זענען אויפגעשטעלט געווארן אין יעדן פלאץ. יעדער ארימאן איז געהאלפן געווארן דורך די גמילת חסדים קאסעס וואס זענען אויפגעשטעלט געווארן צו שטיצן די נויטבאדערפטיגע. אין שפיץ פון כלל ישראל זענען געשטאנען רבנים, דיינים, וואס האבן געפירט זייערע קהלות מיט א פעסטן האנט. מיט יעדע שאלה איז מען געלאפן צו די גאוני ישראל




די מאפע פון פוילן-גאליציע ארום דער טייך "בוג", דער געגענט וואס הייסט "הגנראל-גוברמנט"

ווייזט דעם וועג וואו די צווי הייליגע ברידער זענען אנטלאפן

וואס האבן געפּסקנט אין אלע ענינים. מען האט מחבר געווען טויזנטער ספרים אויף אלע ענינים פון אידישקייט. עס איז אוממעגליך געווען אז מען זאל דורכגיין א גאס, און נישט פארביי גיין א בית המדרש אדער א מקום תורה. דער קלאנג פון תורה איז שטענדיג געהערט געווארן; בעלי בתים, סוחרים, און פאבריקאנטן זענען נישט געגאנגען צו די ארבעט איידער זיי האבן אויסגעזאגט דעם ספר תהלים אדער געלערנט א פרק משניות אדער א בלאט גמרא.

אין שפיץ פון אלעם זענען געשטאנען די צדיקי הדור וואס האבן באלויכטן די פינסטערע גלות טעג. רבנים גאונים וואס יעדנס הארץ איז געווען געוועדעט צו זייער ווארט. צווישן זיי איז געווען די בעלזא־חסידות וואס איז געווען די פראכט פון די אידנטום אין גאליציע, וואס אירע שטראלן האבן באשיינט די גאנצע וועלט.




די שווארצע שטרוכן ווייזט וויפל אידן האבן געלעבט פאר דעם חורבן, פון אונטער דעם שטרוך איז דער צאל אידן פון פאר די מלחמה, און דער צאל פון אינמיטן דעם שווארצן שטרוך דאס איז דער צאל פון נאך די מלחמה

## "חסידות בעלזא"

בעלזא איז דער נאמען פון די קליינע שטאט אין מיטן גאליציע; **בעלזא** האט זוכה געווען צו זיין די הויפט שטאט פון חסידות אין גאליציע.

אין אלע דורות האבן טויזנטער געשטראמט קיין בעלזא פון אלע עקן פון איירופע. רבנים, תלמידי חכמים, עשירים, ארעמעלייט, און אויך פשוטע תמימות'דיגע אידן — האבן אין הויף פון די בעלזער רביס געטראפן דאס וואס זייער הארץ האט געזוכט. סיי אין ענינים פון יראת שמים און חסידות, און סיי השקפה טהורה אויף וועלטליכע ענינים. אין בעלזא האט מען באקומען אלעס וואס מען האט געדארפט; א ברכה, אן עצה טובה, אדער א טרייסט ווען עס איז געווען שווער אויפן הארץ, אלעס אויפן הייליגן דרך פון בעלזא.



די שול וואס דער הייליגער רב שר שלום מבעלזא זי"ע האט געבויט און דערנעבן איז דער בית המדרש וואס דארט האבן געלערנט הונדערטער און טויזענטער חסידים און יושבים בייטאג און ביינאכט

## אדמו"רי בעלזא

במשך 130 יאר איז געפירט געווארן דאס חסידות בעלזא דורך די פיר בעלזער רבים.

**בעלזא** איז געווען אזוי ווי א צווייג פון דעם גרויסן בוים, פון דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע, וואס האט געגרינדעט דאס חסידות. דער צווייג האט אבער זוכה געווען צו וואקסן און בליען ביז עס איז געווארן א בוים פאר זיך.

**כ"ק מרן אדמו"ר רב שר שלום זי"ע** איז געווען דער גרינדער פון בית בעלזא אין יאר תקע"ז. ער איז געווען דער תלמיד פון דעם רבין רבי שלמה מלוצק זי"ע, דער תלמיד פון דעם מעזריטשן מגיד זי"ע, דער ממלא מקום פונ'ם בעש"ט זי"ע.

זיין זון **כ"ק אדמו"ר רבי יהושע זי"ע** האט איבערגענומען אין יאר תרט"ו און געווארן רבי נאך זיין פאטער'ס פטירה.

נאך הרה"ק רבי יהושע זי"ע איז זיין זון **כ"ק מרן אדמו"ר רבי ישכר דוב זי"ע** געווארן רבי אין יאר תרנ"ד.



דער הייליגער כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע מיט א טייל יושבים, דערנעבן פון אונטער הגה"ק מהר"מ מבולגרייא אלס יונגערמאן

נאך די פטירה פון כ״ק מרן מהרי״ד זי״ע האט זיין זון **כ״ק מרן אדמו״ר רבי אהרן זי״ע** איבערגענומען די כסא הרבנות אין יאר תרפ״ז. וואס איז שפעטער אין יאר תש״ד געקומען אויף ארץ ישראל און ווייטער ממשיך געווען דאס הייליגע חסידות בעלזא ביז יאר תשי״ז ווען דער נר המערבי האט זיך אויסגעלאשן אין טאג כ״א אב. און דער שלשלת הזהב פירט זיך ביז דעם היינטיגן טאג מיט די הייליגע הנהגה דורך כבוד קדושת מרן רבינו מהרי״ד שליט״א, (אין דאס בעזהי״ת אין צווייטן חלק ״פון בעלזא ביז ירושלים״ וועלן מיר באשרייבן מיט א גרויסער אריכות).



כ״ק מרן מהר״א זי״ע מיט זיינע גבאים

# אלול תרצ״ט דער אנפאנג פון דער ביטערער גזירה

שווארצע וואלקענעס האבן באדעקט דעם הימל, אפילו עס איז געווען אין מיטן זומער. וואלקענעס פון די געפערליכע מלחמה האבן פארטונקלט די ליכטיגקייט פון טאג און עס געמאכט טונקעלער ווי נאכט. די צווייטע וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן — די נאציס האבן איבערגענומען די מאכט.

ווען די נאציס האבן איבערגענומען איין טייל פון פוילן זענען זייער אסאך אנטלאפן קיין בעלזא, ווייל די נאציס האבן נאך נישט איינגענומען דעם חלק פון פוילן. פיל פון די האבן זיך געוואלט באשיצן אינים בעלזער הויף ביי אדמו״ר קוה״ק הרה״צ ר׳ אהרן זצלה״ה, דער פערטער בעלזער רב.

## דער בעלזער הויף

אין יאר תרצ״ג דער יאר וואס דער רשע איז ארויף אויפן כסא המלוכה, האט מען געפילט אז דער רבי טוישט זיינע זמנים פון דאווענען. די תפלות וואס מען האט שוין דורות לאנג געדאווענט אין איין צייט, האט מען יעצט אפגעשטופט און זיי געדאווענט אסאך שפעטער. אריין צו גיין צום רבין מיט א



די הויז פון די הייליגע בעלזער רבי׳ס אין בעלז וואס איז חרוב געווארן אין די הענט פון די רשעים ימ״ש

קוויטל איז געווען כמעט אן אוממעגליכע זאך. רבי משה הי״ד, דער בכור פון רבינו הקדוש האט געזאגט אז דאס איז צוליב דעם רשע, ער פלעגט דאס ערקלערן זאגנדיג: **״דער רשע האט דעם טאטן די זמנים פארדרייט״.**

טראץ די אלע צרות האט דער רבי ממשיך געווען צו פארשפרייטן תורה וחסידות, און צו שטארקן אלע צובראכענע. אין דעם יאר ת״ש ווען די ימים נוראים טעג האבן זיך דערנענטערט זענען אנגעקומען טויזנטער אידן מיט גרויס מסירת נפש קיין בעלזא. אין יענע צייטן איז שוין געווען א סכנה צו פארן אויף די וועגן, אבער מען האט אלעס אוועק געקוקט און זיך מוסר נפש געווען כדי צו קומען קיין בעלזא און קענען זיין ביים רבי׳ן אויף יום טוב. די טעג זענען טאקע געווען ממש ימים **״נוראים״** — פארכטיגע טעג. אין דעם שוהל (איינע פון די שענסטע אידישע בנינים אין פוילן. — וואס דער הייליגער רב שר שלום זי״ע, דער ערשטער בעלזער רבי,— האט מיט זיינע הייליגע הענט זיך באשעפטיגט דאס צו בויען.) וואו אלע האבן זיך פארזאמלט האט מען געפילט די קדושה אין די לופט... רבינו הקדוש איז געווען מקושר צום שוהל מיט זיין גאנצע הארץ. בדרך נס איז געווען מעגליך אין די געפערליכע זמנים צו דאווענען אין די גרויסע הייליגע שוהל ראש השנה און יום כיפור.

עס האט נישט גענומען קיין סאך צייט נאך די ימים נוראים, און מען האט געהערט געפערליכע שמועות פון אלע זייטן. דער רבי וואס האט מיטגעפילט דעם צער פון די אידן וואס האבן נעבעך אזוי שטארק געליטן פלעגט זיך אנרופן מיט א שווערע קרעכץ: **״איך קען נישט זיצן עס שטעכט מיר יעדעס אבר!״**

י״ד תשרי האבן די דייטשן איבערגענומען גאנץ פוילן, און אזוי ווי געוועהנטליך זענען זיי אריין אין פארברענט די בתי מדרשים און פארניכטעט גאנצע אידישע קהלות.

## דאס איינגעמען בעלזא

כ״א תשרי אין יאר ת״ש — הושענא רבה בייטאג, זענען די דייטשן אריין אין די שטאט בעלזא. א ציטערניש האט אנגעכאפט אלע איינוואוינערס, א שרעק איז געפאלן אויף אלע אידן אין דעם פלאץ, און רבינו הקדוש האט גלייך מחליט געווען אז ווער עס קען זיך ראטעווען זאל זיך ראטעווען, חסידים האבן געוואלט אז מרן זאל אנטלויפן פון די שטאט אין מיטן די נאכט. עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז ער האט קודם געפרעגט ביי זיינע דיינים אויב עס איז אויסגעהאלטן לויט די הלכה, און זיי האבן אלע געפסק'ענט אז דאס איז אן ענין פון פיקוח נפש און מען מעג צוליב דעם מחלל יו״ט זיין ווייל דער רשע היטלער ימ״ש האט ארויסגעגעבן א באפעל מיט פיל רשעות אז די אדמורי״ם, רבנים, מנהיגים, דארף מען גלייך הרג'ענען איז ווי פאר שטענדליך אז מרן איז געווען אין דער גרעסטע סכנה.

## די לעצטע הקפות אין דער בעלזער שוהל

מען האט שוין געענדיגט צו דאווענען מעריב פון שמיני עצרת, וואס דער רבי אליין האט געדאוונט פארן עמוד מיט גרויס התעוררות. גלייך נאכן דאווענען האט זיך רבנו הק' צוגעגרייט צו די הקפות לויט ווי זיין מנהג איז געווען. זיין הייליגע צורה האט אויסגעזען ווי א מלאך ד' צבאות — עס האט געפלאמט ווי פייער. אלע חסידים האבן געטאנצן מיט גרויס התלהבות, אין יעדנס הארץ האט געברענט א פייער פון מסירת נפש. עס האט אויסגעזען ווי די ווענט האבן אויך מיט געטאנצט, אזוי ווי זיי וואלטן אויך פארשטאנען אז דאס איז דעס לעצטע מאל וואס מען וועט אין זיי טאנצן די הקפות פון שמחת תורה. די שמחה איז געווען אזוי גרויס אז דאס גאנצע צער איז פארשוואונדן. פארוואס זאל מען זיין טרויעריג? מיר זענען דאך **אידן!** און נאר וועגן דעם וואס מיר זענען אידן קענען מיר זיך פרייען... ווייל מיר זענען אידן און מיר האבן א הייליגע תורה

און א הייליגן באשעפער. ווען די הקפות האבן זיך געענדיגט האט מען שנעל איינגעהילט די ספרי תורות (ארום 150) כדי זיי אוועק צו לייגן אין א באהאלטן פלאץ אז די רשעים זאלן נישט קענען צוקומען זיי מחלל צו זיין. דער רבי האט געמאכט קידוש, און דערנאך האט ער געבעטן מען זאל אים געבן זיין קאפעליטש (די וואכנדיגע הוט) זאגנדיג: **"לאמיר אנטאן די גלות קליידער".**

## דער אנהויב פון וואנדערן

אין די טונקלקייט פון די נאכט איז דער רב ז"ל מיט זיין גאנצע משפחה אריבער די פוילישע גרעניץ. זיי זענען ארויס מיט די לעצטע באן וואס איז געפארן פון בעלזא און איז א דורך די שטאט סקוהל. סקוהל איז געווען די ערשטע שטעטל אין דעם רב'ס לאנגע וואנדער. (מסעות)

יעדער האט געזען אז דאס איז ממש אן אפענע נס אז דער רב האט מצליח געווען צו פארלאזן בעלזא אין די נאכט. ווייל צומארגענס זענען די פארשאלטענע נאציס אריין אין שטאט און אזוי ווי געווענטליך האבן זיי קודם געזוכט דעם "וואונדער ראבינער" (רב זצ"ל) און געוואלט אויסלאזן זייער כעס אויף אים. ווייל אין יעדע שטאט האבן זיי קודם גע'הרג'עט דעם מנהיג פון שטאט. ווען זיי האבן נישט געטראפן דעם רב האבן זיי אויסגעלאזט זייער צארן אויפן גרויסן שוהל.

## חורבן בית המקדש מעט

עס איז זיי נישט אזוי גרינג געגאנגען צו צוברעכן דעם ביהמ"ד. הפלא ופלא!! צוויי מאל האבן זיי עס פראבירט אונטערצוצינדן אין פייער. אויך האבן זיי עס פראבירט צו באמבארדירן, אבער עס איז געווען אומזיסט, דער בנין האט זיך נישט גערירט!! לסוף האבן די רשעים באפוילן אז די אידן זאלן צונעמען דעם ביהמ"ד דורך אראפנעמען די שטיינער איינס ביי איינס, ווייל די פארשאלטענע רשעים האבן מורא געהאט עס

אליין צו טאן, מער האבן זיי זיך נישט געוואגט צו צוברעכן דעם הייליגן פלאץ, ווייל אפילו די גוי'אישע איינוואוינער פון שטאט האבן זיך אויפגעפירט מיט גרויס יראת הכבוד צום ביהמ״ד און בכלל צום רבינ'ס הויף. נאך דעם חורבן האבן די גויים געשמועסט צווישן זיך, אז יעדע נאכט ווען די זון גייט אונטער קומט אן אלטער מאן און וויינט מיט א הויכע קול. אזוי האבן זיי גערעדט און דערציילט איינער פארן צווייטן אבער זיי האבן נישט דערוואגט צו צוגיין צום פלאץ.

## סקוהל

אזוי ווי מיר האבן שוין גערעדט האט רוסלאנד נישט מסכים געווען צו דייטשלאנד ווייל זי האט געוואלט הערשן איבער פוילן, דערפאר האבן זיי געמאכט א הסכם צווישן זיך אז העלפט פון פוילן וועט געהערן צו דייטשלאנד און העלפט צו רוסלאנד.

דער מצב פון די אידן וואס זענען געווען אין דעם חלק וואס האט געהערט צו רוסלאנד איז געווען אסאך בעסער ווי דער מצב פון די וואס זענען געווען אונטער די דייטשע. פארשטייט זיך אז אויך דא האט מען ארויס געגעבן שווערע גזירות אויף אידן, בעיקר אויף שומרי תורה ומצוות, אבער מען האט נאך אלץ געקענט עקזיסטירן דארט. ווען דער רב זצ״ל איז אנטלאפן פון בעלזא איז ער אנגעקומען אין די שטאט סקוהל וואס האט געהערט צו רוסלאנד. דארט האט ער ווייטער געפירט זיין הייליגע הנהגה, און אסאך חסידים זענען געקומען קיין סקוהל צום רבינס הויף. זיי זענען געקומען צו רבינו הק' ער זאל זיי טרייסטן און שטארקן אז זיי זאלן ווייטער קענען אנגיין אין דעם ביטערן מצב.

אין די פינסטערע גלות טעג איז אנגעקומען דער ליכטיגע יו״ט שבועות – זמן מתן תורתנו. מען האט נישט אויסגעלאזט קיין איין מנהג, אלעס איז ווייטער געגאנגען אזוי ווי געווענליך. טויזנטער אידן פון גאנץ פוילן זענען געקומען אויף שבועות. דער

רבי האט אליין געדאווענט פארן עמוד, געזאגט אקדמות, געפירט דעם באקאנטן ״ובאו כלם״ טיש, געזאגט תורה ביים טיש א.א.וו.

ווען דער רב ז״ל האט געזינגען ״ובאו כלם בברית יחד נעשה ונשמע״ וכו׳ האט יעדער געפילט ווי זיי שטייען ביים בארג סיני און מען באקומט די תורה... פלוצלונג אין מיטן דעם רבינס תורה, צווישן די ווארעמע אטמאספער האט זיך אריינגעכאפט א הויכע רוסישע גענעראל און האט באפוילן אז אלע מענטשן מוזן שוין ארויס גיין אין הויף וואו מען וועט זיי הייסן וואס צו טאן. דעס גאנצע קהל האט זיך שטארק דערשראקן, אבער דער רב ז״ל האט ווייטער געזאגט תורה. ווען ער האט געענדיגט די תורה האט דער רב זצ״ל באפוילן זיינע חסידים זאלן גיין הערן וואס דער גענעראל האט צו זאגן.

״א נייע געזעץ אז אלע פרעמדע וואס זענען געקומען קיין סקוהל דארפן פארלאזן די שטאט ביז 24 שעה״ איז געווען די שטרענגע באפעל פון דער גענעראל. גלייך נאך יו״ט האבן אלע חסידים פארלאזט די שטאט סקוהל און זענען צוריק צו זייערע הייזער. געווענליך פלעגט מען בלייבן ביז שבת נאך שבועות — ווייל שבת קודש האט זיך נאך געפילט דער הייליגקייט פון יו״ט.

דער געזעץ איז אויך געווען אז אלע פליטים (אנטלאפענע) וואס זענען אנטלאפן פון די טייל פון פוילן וואס געהער צו דייטשלאנד קענען זיך אויסוועלן איינס פון די צווי וועגן.

1) צו ווערן א רוסישער בירגער (סיטיזען) און צו באקומען א רוסישע פאספארט.

2) צו בלייבן א פוילישער בירגער.

## גירוש סיביר

די שוואכע אידן וואס זענען געווען צוקלאפט פון אלע זייטן האבן נישט געוואוסט וואס צו טאן — זיי האבן נישט געוואוסט

וואס עס לוינט זיך בעסער, דערפאר האבן זיי מחליט געווען נישט אנצונעמען די רוסישע בירגערשאפט, נאר צו בלייבן א פוילישער בירגער. ווייל זיי האבן געטראכט אויב זיי וועלן ווערן רוסישע בירגערס וועט מען מאכן נייע גזירות אויף זיי.

שבת קודש פרשת קרח ביינאכט, שנת ת״ש האבן די רוסן גענומען 200,000 אידישע נפשות — מענער, פרויען, און קינדער, און זיי ארויפגעלייגט אויף ספעציעלע וועגענער זיי צו פארטרייבן קיין סיביר. צווישן זיי זענען געווען אסאך חשובע רבנים און בעלי בתים.

דער רב ז״ל איז נישט געווען צווישן די פארטריבענע ווייל ער האט דאך אנגענומען די רוסישע בירגערשאפט. די וואס זענען פארטריבן געווארן האבן יעצט חרטה געהאט וואס זיי האבן נישט אנגענומען די רוסישע בירגערשאפט.

נאר דאס איז געווען נפלאות הבורא ווייל דוקא דורך דעם וואס מען האט די אידן פארטריבן זענען מערסטנס פון זיי געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט. נאך א פאר חדשים האבן די דייטשן ימ״ש איינגענומען אויך דער חלק פון פוילן און האבן אויסגעה'רג'עט אלע אידן וואס זענען דארט געווען רח״ל. דא זעען מיר דעם וייטן בליק פון צדיק — וואס ער האט נישט געהייסן זיינע חסידים אנצונעמען די רוסישע בירגערשאפט אפילו ער האט יא אנגענומען צוליב געוויסע טעמים.

די אידן אין סיביר זענען א דורך אסאך צרות. ווי באוואוסט איז סיביר זייער א קאלטע שטאט, די קעלט איז בערך 50° אונטער 0°. די אידן האבן געדארפטליידן אין די קעלטן און האבן נאר באקומען א שטיקל טרוקן ברויט מיט א טראפ וואסער. קיין ווארעמע קליידער האבן זיי אויך נישט געהאט צו דערווארעמען זייער פארפרוירענע קערפער. די קאמוניסטן האבן שטענדיג געפייניגט די אידן, ווייל זיי האבן מקיים געווען תורה ומצוות און דאס איז קעגן די רוסישע געזעצן. זייער אסאך

האבן אידן דארטן געליטן אבער זיי זענען חאטש געבליבן לעבן. און נאך די וועלט מלחמה האבן זיי באקומען רשות צו פארלאזן רוסלאנד. רוב פון די אידן זענען געפארן צו ארץ ישראל, א טייל זענען אויך געפארן צו אמעריקע, ענגלאנד און אנדערע לענדער. (היינטיגע פוילישע אידן זענען טאקע די אידן וואס מען האט דעמאלט פארשיקט קיין סיביר.)

דאס אלעס האט דער רב ז״ל געזען ברוח הקודש און דערפאר האט ער געהייסן מען זאל **קיינעם** נישט אויסזאגן אז ער נעמט אן די רוסישע בירגערשאפט. ווייל ער האט נישט געוואלט אז אנדערע זאלן טאן אזוי ווי ער ווייל די וואס האבן געמאכט א רוסישן פאס זענען געבליבן אין סקוהל און די רשעים די דייטשן ימ״ש ווען זיי האבן איינגענומען סקוהל האבן זיי גע׳הרג׳עט אלע אידן.

נאכדעם וואס מען האט פארטריבן די אידן קיין רוסלאנד, איז אנגעקומען א גזירה אז **אלע** מענטשן וואס האבן אנגענומען די רוסישע בירגערשאפט — מוזן שוין פארלאזן די שטאט סקוהל. (וואס איז געווען א גרעניץ שטאט צווישן די רוסישע טייל פון פוילן און די פוילישע טייל פון פוילן).

דאס האט געמיינט אז דער רב ז״ל האט יעצט געמוזט פארלאזן די שטאט סקוהל. יעדער איז געווען שטארק באזארגט. וואו אהין וועט מען זיך יעצט ווענדן? א חודש צייט האט זיך רבינו הק׳ מיט די גאנצע משפחה געוואגלט פון איין פלאץ צום צווייטן, ביז נאך פיל שוועריגקייטן האט מען אויסגעפועליט ביי די רוסישע רעגירונג זיך צו באזעצן אין די שטאט פרעמישלאן. (פון חודש תמוז ת״ש ביז חודש תמוז תש״א א יאר צייט).

## פרעמישלאן

אין די שטאט פרעמישלאן איז געווען דער ציון פון דעם קדוש עליון ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאנער זי״ע פון די תלמידי הבעש״ט

זי״ע, פלעגן טויזנטער אידן קומען צו זיין ציון אויסצובעטן ישועות און רפואות א.ד.ג. נאר יעצט אז דער רב ז״ל איז געווען אין פרעמישלאן האט ער ארויסגעגעבן א באפעל אז קיינער זאל נישט קומען קיין פרעמישלאן אויף שבתים אדער ימים טובים כדי נישט אויפצורעגן די רוסן. און ווער עס מוז צוקומען צום רביין ווייל עס איז זייער וויכטיג זאל קומען נאר אין די וואכן טעג באהאלטענערהייט.

די גרויסע באגלייבטע חסידים האבן זיך נישט געקענט צוריקהאלטן און האבן זיך נישט דערשראקן פון די סכנה וואס האט געהערשט אויף די וועגן. און ווען די רוסישע פאליצייען האבן זיי אפגעהאלטן אויפן וועג און האבן זיי געפרעגט פארוואס זיי פארן קיין פרעמישלאן, האבן זיי געזאגט ״מיר פארן צום ציון פון ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאנער״. אויך די גויים האבן געוואוסט פון דעם אידישן מנהג צו קומען צו ר׳ מאיר׳לס קבר... און האבן זיי דורך געלאזט — ווייל אלטע קברים האבן זיי נישט אינטערעסירט... זיי האבן געזאגט דעם אמת ווייל זיי זענען אויך געגאנגען פיל אויסבעטן ביים צדיק׳ס קבר אז די אידן זאלן געראטעוועט ווערן.

## הרה״ק מהר״מ מבילגוריי זי״ע קומט צו רבינו הקדוש

דער ברודער פון רב ז״ל האט געוואוינט אין די שטאט ילגוריי וואס איז אין פוילן. וויבאלד די מלחמה האט זיך ויסגעבראכן האבן די דייטשן ימ״ש באמבארדירט די שטאט ילגוריי. הרה״ק מבילגורייא איז אנטלאפן צוזאמען מיט זיין ני בית מיט נאך טויזנטער אידישע פליטים. זיין גאנצע ציל איז עווען אנצוקומען צו זיין ברודער מרן זצ״ל ווייל ער האט עוואוסט אז דער רב זצ״ל איז אזוי איינגעזיינקען אין זיין ייליגע ארבעט אז ער וועט נישט קענען גענוג טאן כדי עראטעוועט צו ווערן. האט ער אים געוואלט העלפן מיט אלע

מעגליכקייטן און ער האט אים טאקע געהאלפן מיט פארש̇ידענע וועגן ווי געלט און אויך אנדערע זאכן.

דעמאלס האט זיך דער שטארקער קשר צווישן די צוויי ברידער באנייט און זיי האבן זיך שוין מער נישט צושיידט אין אלע שווערע יארן פון וואנדערן. נאר כדי נישט אויפצורעגן די רוסישע רעגירונג האט דער בילגורייער רב זיך נישט באזעצט אין פרעמישלאן אליין, נאר אין א דערנעבנדיגע שטעטל — בריזשאן. אויך די איבעריגע בני בית פון רב זצ"ל האבן זיך אזוי געפירט, זיי האבן זיך צושפרייט אין די שטעטלעך (דערפלעך) וואס זענען ארום.

## ימים נוראים אין פרעמישלאן

פאר די ימים נוראים פון שנת תש"א, האט מען געבעטן אז די חסידים זאלן נישט קומען אויף ימים נוראים, נאר די וואס האבן א ספעציעלע שליחות צום רבין זצ"ל. זייער אסאך האבן זיך געטראפן כל מיני תירוצים כדי זוכה צו זיין, צו זיין אין



הגה"צ מהר"מ מבילגורייא זי"ע ביי אן אסיפה פון גדולי ישראל פאר חיזוק הדת

רבינס הויף אויף די ימים נוראים. עס זענען טאקע געווען הונדערטער מענטשן וואס זענען געקומען אויף ראש השנה. דער רב ז״ל האט געפירט אלע זיינע סדרים אן קיין שום שנוי, אזוי ווי עס איז געווען אין די געהעריגע צייטן אין בעלזא.

## די מלחמה קעגן רוסלאנד

טראץ דעם וואס עס איז געווען א הסכם צווישן רוסלאנד אין דייטשלאנד האט דער רשע אויך געוואלט איינעמען רוסלאנד. כדי אויסצופירן זיין פלאן האט ער די ערשטע זאך איינגענומען חלקים פון פוילן וואס האבן געהערט צו רוסלאנד.

## כבוש פרעמישלאן — דאס איינעמען פרעמישלאן

די שטאט פרעמישלאן איז געווען איינע פון די שטעט (וואס האט געהערט צו רוסלאנד) וואס די דייטשן ימ״ש האבן געוואלט איינעמען.

אין אנהויב פון חודש תמוז תש״א איז איינגענומען געווארן



די בילדער האבן די נאציס ימ״ש מפרסם געווען אין זייערע צייטונגען: רבינו הקי׳ אינמיטן פון דער בילד

די שטאט פרעמישלאן. וויבאלד די רשעים זענען אריין אין די שטאט האבן זיי געזוכט די אידן כדי זיי צו הרג׳ענען. פארשטייט זיך אז בעיקר האבן זיי געזוכט די רב זצ״ל. (ווייל נאך פאר די מלחמה האט זיך אויסגעבראכן האבן די רשעים ארויסגעגעבן בילדער פון די רבנים וואס זיי האבן געזוכט — כדי עס זאל גרינגער זיין זיי צו דערקענען).

ווען זיי האבן ענדליך געטראפן די שטוב פון מרן זצ״ל האבן זיי זיך אריינגעבראכן אזוי ווי א באנדע ווילדע חיות. אין דעם ערשטן צימער איז געזעסן איינער פון די גרויסע באגלייבטע חסידים פון רב, וואס איז שטענדיג געווען אין רבינ׳ס הויז, הרב ר׳ ישעי׳ ראוועד ע״ה. ווען די רוצחים האבן געזען דעם מענטש וואס פאר א הדרת פנים ער האט — און וואס פאר א לאנגע ווייסע בארד ער האט, האבן זיי געמיינט אז דאס איז די רב זצ״ל, האבן זיי אים געפערליך געשלאגן. די רב זצ״ל וואס איז געווען אין צווייטן שטוב איז געראטעוועט געווארן בדרך נס. דער חסיד וואס האט באקומען די שטארקע מכות אנשטאט דעם רבין האט אנגענומען די יסורים באהבה, און מיט שמחה האט ער אויסגערופן, ״געלויבט איז דער באשעפער אז איך האב זוכה געווען צו זיין די כפרה פון רבין״. פון דעמאלס אן האט זיך די רב זצ״ל אויסבאהאלטן אין באהאלטענע פלעצער און מען האט אים געהיטן אזוי ווי דאס אויג אין קאפ.

## די פטירה פון רבי משה דער זון פון רב זצ״ל על קידוש השם

י״ג תמוז תש״א — יום ו׳ ערש״ק פרשת חקת, האבן די פארשאלטענע רשעים אונטערגעצינדן דעם בית המדרש אין פרעמישלאן, וואס אין אים האט געדאווענט דער רב ז״ל מיט זיינע חסידים. זיי זענען געלאפן ווי צו ווילדעטע הונט אין די גאסן אין געכאפט אלע אידן וואס זיי האבן געטראפן און זיי אריין געווארפן אין די ברענענדיגע פלאמען־פייער. אויך ביי די געלעגנהייט האבן די רשעים געזוכט דעם רב ז״ל.



רבי משה (השם ינקום דמו) אינדערמיט, דער זון פון רבינו הק׳ וואס איז נעבעך פארברענט געווארן

דעם רבינס זון, ר׳ משה, האט דאס געהערט — און פון גרויס שרעק טאמער וועלן די רשעים חלילה כאפן זיין טאטן, איז ער ארויס אינדרויסן און געשריגן ״וואו איז דער טאטע״ די פארשאלטענע האבן אים געכאפט און אריין געווארפן אין די פלאמען מיט נאך דריי פון זיינע חברים, פון די יושבים — און נאך 40 אידן מיט זיי. אין אנהויב האט מען נישט געוואלט לאזן וויסן פארן רב ז״ל — בסוף ווען מעט האט אים שוין יא געלאזט וויסן האט ער עס אנגענומען באהבה און געזאגט: **״ב״ה אז איך האב אויך צושטייער געגעבן א קרבן!״ אויסער דעם האט ער קיין איין קרעכטץ נישט געטאן.**

נאך דעם געפערליכן אומגליק אין פרעמישלאן האט יעדער פארשטאנען אז דער רבי איז געראטעוועט געווארן בדרך נס, און מען מוז אים שוין ארויס נעמען פון די טייל פוילן צוריק צו די חלק פון פוילן וואו זיי זענען פריער געוועו.

זעקס חדשים האט זיך דער רבי אויסבאהאלטן אין פרעמישלאן. ערשט דערנאך האבן די חסידים מצליח געווען

ארויס צו נעמען דעם רבין מיטן ברודער פון פרעמישלאן, צו די אנדערע זייט פוילן. אין די תקופה האט ער זיך געמוזט אפשיידן פון זיין משפחה.

## ווישניץ

די בעלזער חסידים פון אונגארן און די אנדערע לענדער האבן נישט גערוט נאר געזוכט כל מיני עצות צו ראטעווען די רבי מיט זיין משפחה. אבער די רשעים האבן אויסגעכאפט. זיי האבן גע'הרג'עט די גאנצע משפחה: די רביצין, זיינע זין און טעכטער, איידעמער און שנורן, אייניקלעך, ברידער, שוועסטער, שוואגער, מיט אלע זייערע קינדער. אויך די גאנצע משפחה פון הגה״ק מבילגורייא זי״ע אלע זענען פארברענט געווארן און געשטארבן על קידוש השם.

## ״פון די גאנצע משפחה איז נאר איבערגעבליבן די צוויי ברידער״

קיינער איז נישט איבערגעבליבן פון די גרויסע משפחה אויסער כ״ק מרן האדמו״ר זי״ע און זיין ברודער הגה״ק מבילגורייא זי״ע.





## היציאה מפרעמישלאן ונסם הדרך

נאך אסאך אנשטרענגונג האבן די חסידים מצליח געווען אפצוקויפן א פוילישן פאליצאנט וואס האט געהערט פאר די נאציס. זיי האבן אים געגעבן 50,000 זהובים (פוילישע געלט) און ער האט מסכים געווען איבערצופירן דעם רב מיט זיין מיליטער קאר פון פרעמישלן צו ווישניץ, וואס איז געווען אין די צווייטע טייל פון פוילן — די פלאץ וואו אהין דער רב זצ"ל האט געדארפט אנקומען.

דער רב האט נישט מסכים געווען זיך ארויסצולאזן אין וועג ביז מען וועט נישט ברענגען זיין ברודער הגה"ק מבילגורייא — וואס אזוי ווי פריער דערמאנט האט געוואוינט אין ברוזשאן. (וואס איז נאנט צו פרעמישלן).

דער פוילישע פאליצאנט איז קודם געפארן צו ברוזשאן און ער האט פון דארט געברענגט דעם בילגורייא רב ז"ל. און צוזאמען זענען די צוויי הייליגע ברידערס ארויס אויפן וועג וואס איז געווען פיל מיט סכנות — און פון דעמאלס אן האבן זיי זיך מער נישט צושיידט. עס זענען געווען אזוי פיל אפענע נסים אויפן וועג ביז ווען דער גוישע פאליצאנט האט אליין עס אנערקענט. און אויף יעדן פלאץ וואו זיי זענען אנגעקומען און עס איז געווען סכנות'דיג האט ער זיי געזאגט: "דאווענטס צום באשעפער ווייל מיר זענען אין א סכנה". יעדע שטאט וואו זיי זענען דורך געפארן איז געווען עקסטערע נסים אז מען האט זיי נישט געכאפט. אויפן וועג זענען זיי דורך געפארן די שטאט לבוב — לעמבערג, וואס איז געווען פיל מיט אידן אבער יעצט איז עס שוין איינגאנצן ליידיג געווען פון אידן. דער מלאך המות האט געהאט א פולע שליטה אין דער שטאט און יעצט האבן די רשעים גע'שיכור'ט און געטאנצט פאר שמחה. און ווייל זיי זענען געווען אזוי שטארק פארנומען מיט זייערע חגא האבן זיי נישט באמערקט ווי די קאר איז דורך געפארן און האבן עס נישט אפגעהאלטן.




במפה, שגדלה במקור הוא 132 על 150 סנטימטר, מתוארת התפוצה של האוכלוסיה היהודית בערי פולניה, לפי מיפקד האו־כלוסיה ב1931. העיגולים הגדולים מציינים מאה אלף יהודים והעיגולים האחרים מציינים, בהתאם לגדלם היחסי, את המס־פרים: חמישים אלף נפש, עשרת אלפים, חמשת אל־פים, אלפיים, אלף נפש, וכו'. עורכי המפה הגיעו ב„דייקנות הגרמנית" של־הם עד כדי סימון אוכלו־סיה יהודית בת 5 נפשות על־ידי ציון גראפי בגודל של נקודה. — במקור רשו־מה כתובת בצבע אדום: Geheim! (סודי!).

## כי משנאיך נשאו ראש . . . התיעצו על צפונך (תהלים פג)

די מאפע האבן די דייטשן אויסגעצייכענט נאך פאר די מלחמה צו וויסן אויף פונקטליך וויפל אידן געפינען זיך אין גאנץ אייראפע, א גרויסער רינג ווייזט אויף 1, הונדערט טויזענט אידן און אזוי ווייטער

ווען זיי האבן זיך דערנעענטערט צום גרעניץ פון א צווייטע שטאט (לגבול הגנרל גוברנמנט) האבן זיי געדארפט אריבער פארן א בריק. פארן בריק איז געווען גרופע דייטשישע סאלדאטן וואס האבן אפגעהאלטן יעדע קאר כדי זיכער צו מאכן ווער עס איז אינעווייניג. נאר די פאליס קאר איז דורך געפארן אזוי שנעל און מען האט זיי נישט אפגעהאלטן. שפעטער האט מען זיך דערוואוסט אז די שומרים־היטערס זענען אנטשלאפן געווארן.

השי״ת האט זיי געהאלפן און זיי זענען דורך בשלום.

די צוויי הייליגע ברידער האבן אינמיטן וועג איינגעדרימלט — זיי זענען שוין געווען שטארק אויסגעמוטשעט פון די שווערע וועג. און פלוצים... קנאק... די קאר האט זיך איבערגעקערט. דער רב האט באקומען א קלאפ אין פיס. מיט שוועריגקייטן האט מען זיך געדארפט ארויסשטופן פון אונטער די צובראכענע שטיקלעך פון די קאר, און האבן זיך אביסל דערווייטערט, אין די רגע האט געפלאצט די זאך אין וואס מען לייגט אריין די געזאלין און די גאנצע קאר איז צופלויגן אויף שטיקלעך. אזוי זענען זיי נאכאמאל געראטעוועט געווארן בדרך נס.

עס איז געווען דריי אזייגער פארטאגס. דער פוילישע דרייווער האט זיי געלאזט אויפן וועג און געגאנגען זוכן הילף פאר די צוויי רבנים און פאר די צוויי גבאים, וואס זענען געווען שטארק צוקלאפט און פארוואונדעט פון די אקסידענט. עס איז אבער געווען א גרויסע סכנה צו שטיין אזוי אויפן וועג אפילו פאר איין רגע ווייל ווען א נאצי וואלט א דורך געפארן וואלט זייער לעבן געווען אין געפאר. אין די מינוט איז דורך געפארן א פערד אין וואגן. הגה״ק מבילגורייא האט זיך געווענדעט צום בעל עגלה און גערעדט צו אים פויליש. נאר דער בעל עגלה וואס איז געווען א איד האט פארשטאנען אז זיי זענען אידן און האט געזאגט: ״אידן וואס מאכט איר דא? די געסטעפא איז נישט ווייט פון דא ענקער לעבן איז איינגעשטעלט״.

נאכדעם וואס זיי האבן אים זייער געבעטן האט ער מסכים געווען זיי צו נעמען צו א האטעל וואס האט געהערט צו א איד. עס איז געווען די לעצטע אידישע האטעל וואס איז געבליבן אין דעם גאנצן געגנד. די צוויי הייליגע ברידער האבן זיך דארט אויסבאהאלטן אין א קעלער, איינע פון די גבאים האט זייער געקרעכצט ווייל ער האט געהאט אסאך קלעפ. אינדערפרי איז אריינגעקומען א אידישע פרוי וואס האט דערקענט דעם רבי'ן און האט געפרעגט מיט וואס זי קען העלפן. זי איז שנעל געלאפן צו איינע פון די נאנטע געטאס און גערופן א דאקטער פון דארט.

עטליכע אידן האבן זיך ארויסגעכאפט פון געטא מקבל צו זיין דעם רבי'ן — און האבן גלייך אנגעהויבן צו טאן דערצו אז דער רב זאל קענען אנקומען צו ווישניץ. ווייל דער פוילישע דרייווער האט זיי פארלאזט נאך דעם אקסידענט — האט געענדיגט זיין ארבעט און איז מער נישט צוריקגעקומען.

דער אידישע דאקטער וואס האט באהאנדלט דעם רב ז"ל האט באקומען א ברכה און אויך א מטבע לשמירה, א מטבע זאל אים היטן, לויט ווי אזוי ער האט שפעטער דערציילט אז ער איז שפעטער ניצול געווארן פון אלע צרות אין אלע יארן פון די מלחמה, אין זכות פון די ברכה און מטבע פון שמירה.

עס איז וויכטיג צו באצייכענען אז א איד וואס מען האט געכאפט אויסערן געטא האט מען געפערליך געפייניגט ביז צום טויט. און דער דאקטער האט זיך איינגעשטעלט זיין לעבן און ארויס פון געטא כדי צו באהאנדלען דעם רב'ס געזונטהייט מיט רפואות.

א גאנצען טאג זענען זיי געווען אין דעם האטעל און ווען עס איז טונקל געווארן זענען זיי ארויס געפארן מיט א קאר וואס האט זיי געדארפט פירן קיין ווישניץ וואס איז נעבן בוכניע.

ווישניץ איז געווען א קליין פארווארפן שטעטל וואס מען האט נישט געקענט צוקומען צו איר מיט די הויפט וועגן, עס איז

אויך נישט געווען קיין באן סטאנציע. און צוליב דעם זענען די רשעים נישט צוגעקומען צו איר און האבן נישט אויפגעשטעלט קיין געטא אדער ארבעט לאגער אין איר. אין דעם קליינעם שטעטל האט דער רב געקענט בלייבן רואיגערהייט און צוביסלעך האבן די חסידים ווידער אנגעהויבן צו קומען צום דעם נייעם באהעלטעניש פון צדיק.

## וואו האט די מלחמה געהאלטן?!

ביז די ווינטער חדשים פון שנת תש״ב האבן די דייטשן ימ״ש שטארק מצליח געווען אין די מלחמות. אבער ווען די דייטשן זענען אנגעקומען צו רוסלאנד האט זיך אנגעהויבן זייערע מפלה. אזוי ווי מיר ווייסן איז אין רוסלאנד זייער קאלט, און די דייטשע סאלדאטן זענען געווען געקליידעט מיט לייכטע זומער קליידער, און פיל פון זיי זענען געשטארבן פון קעלט. דאס איז געווען זייער ערשטע קלאפ אבער די מלחמה האט זיך נאך נישט געענדיגט נאר ווייטער אנגעגאנגען. אבער אזוי ווי די דייטשן האבן יא געליטן א קלאפ, האבן זיי אויסגעלאזט זייער כעס אויף די אידן. דעמאלס האבן זיך אנגעהויבן די טויט לאגערן און מען האט אפגעווישט אלע אידן פון די געטאס.

## הגעסטאפו בווישניץ

ווען עס איז אנגעקומען די בשורה פון די מפלה וואס זיי האבן געליטן פון די רוסן, קיין ווישניץ, האבן די אידן זיך געשטארקט און געהאפט אז די ישועה איז שוין נאנט. נאר דער רב וואס האט געזען דעם עתיד האט פארשטאנען אז ערשט דורך דעם וועט דער רשע אויסלאזן זיין כעס אויף די אידן. **״דער רשע דארף פאלן אויף איינמאל און נישט קליינע מפלות — ווייל די קליינע מפלות ברענגען אומגליקן אויף די אידן!!״** האט דער רבי ז״ל געזאגט פאראויס.

צו די שטאט ווישניץ איז אנגעקומען א איד וואס האט זיך פארקויפט צום שטן און געווארן א בעל עבירה — און האט געארבעט פאר די דייטשן ימ״ש. זיין נאמען איז געווען **שפיץ.** דער שפיץ איז געווען א גרויסער אכזר — ער פלעגט הרג׳ענען

און מסר'ן אויף זיינע אייגענע אידישע ברידער. ער פלעגט ארומגיין מיט א גרויסע שווארצע הונט — אז עס פלעגט פאלן א פחד אויף יעדען וואס האט געוואוסט אז ער איז אין די סביבה.

די אידן אין ווישניץ האבן זייער מורא געהאט אז די רשעים וועלן אויסגעפונען אז דער רבי געפונט זיך אין ווישניץ. אויב די רשעים ווילן הרג'ענען אלע אידן וועלן זיי זיכער ח"ו וועלן אריין כאפן די צוויי "וואונדער ראבינערס" אין זייערע נעץ. אין נאך דערצו וואס "שפיץ" האט גע'מסר'ט אז די צוויי רביס געפינען זיך אין ווישניץ.אין דוקא פון דעם איז פאר זיי ארויסגעקומען א גרויסע טובה, ווייל לסוף האט השי"ת געפירט אז נאכדעם וואס דער שפיץ איז געווען ביי מרן זצ"ל האט ער תשובה געטאן און ארויסגעהאלפן פאר מרן זצ"ל און זיין ברודער (ווי עס וועט שפעטער דערציילט ווערן).

שפיץ האט דער נאך געברענגט צוויי "תעודות עבודה" (ארבעט סערטיפיקעטס) אויף די נייע נעמען פון די אחים הקדושים. אין יענע טעג האבן אזעלכע סערטיפיקעטס געקענט הייסן "סערטיפיקעטס צום לעבן".

## די טויט לאגערס הייבן אן זייער ארבעט

פארן זומער פון שנת תש"ב האבן די דייטשן אנגעהויבן צו הרג'ענען אידן אין די טויט לאגערס. קודם האבן זיי אנגעהויבן מיט מענטשן וואס האבן נישט געארבעט, אויך פרויען, קינדער, און אלטע וואס די דייטשן האבן נישט געהאט קיין נוצן פון זיי. מען האט צוזאמען גענומען אלע אידן נעבן די באנען. דארט האט מען זיי ארויפגעלייגט אויף די באנען און זיי געפירט קיין אוישוויץ און אנדערע פלעצער וואו מען האט זיי איינס ביי איינס אויסגע'הרג'עט אין די גאז קאמערן א.א.וו. הי"ד.

די רוצחים האבן געוואלט אריין כאפן וואס מער אידישע נפשות ביז פאר זייערע לעצטע מפלה.

## געטא באכניע

אין געטא באכניע וואס איז געווען נאנט צו געטא ווישניץ איז געווען א אידישער עסקן מיטן נאמען ר׳ אליעזר לאנדוי, ער וואוינט היינט אין ארץ ישראל. ער איז געווען א גרויסער עושר און האט מצליח געווען אויפצושטעלן א פאבריק אין וועלכן אידן האבן געארבעט. ער האט אפגעקויפט די נאציס מיט אסאך געלט און האט זיי איבערגערעדט אז די אידן ארבעטן זייער פעסט און זיי פעלן אויס פאר די נאציס ימ״ש. דורך דעם האט ער אויך אסאך מאל אויסגעפונען כל מיני סודות פון די הויפט נאצישע אפיצירן פון קראקא, וואס דורך דעם האט ער געראטעוועט אסאך אידישע נפשות.

איינמאל האט א נאצישער אפיציר צוגערופן ר׳ אליעזר לאנדוי און זאגט אים, ״איך וויים אז דער וואונדער ראבינער רוקח מיט זיין ברודער געפינען זיך אין ווישניץ״. ר׳ אליעזר האט אנגעכאפט א ציטער... און ער האט צו געזאגט אן אויסערגעווענליכן גרויסע סכום געלט אז מען זאל גארנישט טאן פארן רבין. דער אפיציר האט אים טאקע צוגעזאגט אז מען וועט נישט צורירן און כדי צו ווייזן אז ער איז טאקע אויף ר׳ אליעזר׳ס זייט, האט ער אים אנטפלעקט אז עס גייט פארקומען אן אויסזידלונג (דאס מיינט מען הרג׳עט אויס יעדן איינעם...) אין ווישניץ און צוליב דעם דארף מען שוין זען ארויסצונעמען דעם רבי פון דארט.

## מווישניץ לבאכניע

דער עסקן ר׳ אליעזר לאנדוי האט נישט גערוט. ער האט ארייגעלייגט אסאך כוחות און זיך מוסר נפש געווען כדי צו ראטעווען די אחים הקדושים. ער האט זיי אריבערגעפירט צו די באכניע געטא. זיי זענען אבער נישט געווען אין באכניע מער ווי ״איין״ נאכט — ווייל מען האט אויסגעפונען אז די רשעים גייען מאכן אן אויסזידלונג אויך אין די באכניע געטא.

# ״פון אלול תש״ב ביז כסלו תש״ג״

## קראקא

אין די צייט האט מען אויסגעהרג'עט אידן פון איין געטא נאך די אנדערע, מען האט אפגעווישט גאנצע געטאס פול מיט אידן. געוועהליך האבן די רשעים געמאכט די אויבנדערמאנטע ״אויסזידלונגען״ אום שבת — דאס אליין האט געוויזן זייער שנאה צו אידישקייט. דאס גרעסטע איז געווען געטא ״ווארשא״ — וואס איז שוין געווען כמעט אינגאנצן אפגעווישט. אויך אין די אנדערע אידישע געטאס זענען נאר געבליבן ווייניג אידן.

יעצט האט ר׳ אליעזר לאנדוי ווייטער אויסגעפונען אז מען גייט מאכן אן אויסזידלונג אין די קראקא געטא און ער האט פיל געארבעט אריבער צופירן די הייליגע ברידער צוריק צו די באכניע געטא. אזוי האבן זיי געוואנדערט פון בוכניה צו קראקא און פון קראקא צוריק צו באכניע — און עס האט געלויערט אסאך מורא׳דיגע סכנות אויפן וועג.

### וואו האט די מלחמה געהאלטן?

די נאציס האבן איינגענומען איין מדינה נאך די אנדערע, דער גאנצער צפון אפריקה ביז מצרים, זיי האבן שוין געהאלטן ביים אנקומען קיין ארץ ישראל.

אין די צייט האבן די רבנים אין ארץ ישראל אויסגערופן פאסט טעג צו דאווענען און בעטן אז השי״ת זאל צערייסן די ביטערע גזירה. השי״ת האט צוגעהערט צו די תפלות פון אידישע קינדער און די גזירה איז בטל געווארן.

* * *

די דייטשן האבן אנגעהויבן צו ליידן מפלות און געוויסע מדינות, איבערהויפט אין די שטעט פון רוסלאנד — אויך ביי מצרים פאר ארץ ישראל האבן זיי געהאט א גרויסע מפלה. דאס אלעס האט אודאי נאר גורם געווען אז זיי זאלן אויסלאזן זייער כעס אויף די אומשולדיגע אידן וואס זענען געבליבן אין די געטאס אין די אנדערע מקומות.

### אונגארן

ביז צום יאר תש״ד איז אין אונגארן געווען גאנץ גוט. אבער פארשטייט זיך אז די אונגארישע גוים האבן פונקט אזוי פיינט געהאט די אידן ווי די פוילישע א.א.וו. און ווען די דייטשן זענען אנגעקומען קיין אונגארן האבן זיי מסכים געווען אויסצוהרג׳ענען אידן פונקט אזוי ווי די אנדערע.

★

## און יעצט גייען מיר צוריק צו דעם וואנדערן פון מרן זצ״ל און זיין ברודער

### ועד מיוחד

אין בודאפעסט האט מען צוזאמען געשטעלט א ספעציעלע ועד וואס זאל ארבעטן אז מען זאל קענען אריבערפירן דער רבי פון פוילן צו אונגארן. מען האט אזוי לאנג געארבעט ביז מען האט מצליח געווען. די חסידים אין אונגארן האבן אפגעקויפט א הויכן אונגארישן אפיציר — אז ער זאל ברענגען דעם רב מיט זיין ברודער קיין אונגארן. פארשטייט זיך אז מען האט אים געדארפט צאלן א גרויסע סכום געלט ער זאל דאס וועלן טאן. די אידן האבן געשיקט א בריוו קיין פוילן אין די באכניע געטא. דארט איז געשטאנען פונקטליך ווי אזוי דאר פלאן וועט אויסזען. לויט דעם האט זיך דער רבי געדארפט פארשטעלן פאר א רוסישן גענעראל וואס איז געכאפט געווארן דורך די דייטשן און אונגארן וויל אים משפטי׳ן. דערפאר דארף דער רוסישן גענעראל צוזאמען מיט צוויי אפיצירן שוין אריבער געפירט ווערן קיין בודאפעסט.

### היציאה מבאכניע

דער רבי האט מחליט געווען אז ער וועט ארויספארן פון באכניע י״ג אייר וואס איז דעמאלס אויסגעפאלן אין א

דינסטאג — דעם טאג וואס השי"ת האט צוויי מאל געזאגט "כי טוב". דער געטא איז געווען פארשפארט פון אלע זייטן, קיינער האט זיך פון דארט נישט געקענט ארויסכאפן. פון אלע זייטן זענען געשטאנען "עס עס" לייט און סאלדאטן האבן געהיטן יעדע טיר אז קיין איין איד זאל נישט קענען אנטלויפן. עס איז קלאר אז אויף דעם רב זצ"ל האט מען נאך מער געהאלטן אן אויג אז ער זאל נישט קענען אנטרינען (אנטלויפן) פון זייערע טמאי'נע הענט.

אין די שטילקייט פון די נאכט, ווען עס איז שוין געווען חצות — האט מען געמאכט א לאך אין דעם שטארקן מויער פון געטא... און די אחים הק' האבן זיך ארויסגעכאפט פון דארט... זיך ארייגעכאפט אין א הויז און דארט האבן זיי זיך פארשטעלט ווי רוסישע אפיצירן... און צוזאמען מיטן גבאי ר' דוד שפירא האט מען זיך די אנדערע נאכט ארויס געלאזט אויפן וועג אין דעם קאר פון דעם אונגארישן אפיציר.

כדי מען זאל נישט באמערקן אין געטא אז די רבי איז אנטלאפן, האט זיך איינער פון די חסידים פארשטעלט אזוי ווי דער רבי. ער האט אפילו געקענט נאכמאכן זיין קול. און אזוי איז ער געזעסן זיין פנים איינגעהילט אין א טלית אז מען זאל אים נישט דערקענען. אין א צווייטער חסיד וואס איז דעמאלס געווען דעם רבינס גבאי האט צוגעהאלפן און געהיטן דעם סוד אז קיינער זאל זיך דערפון נישט דערוויסן.

ווען די פארשאלטענע נאציס האבן אויסגעפונען אז די צוויי מאכן זיך נאר, האט מען זיי געוואלט הרג'ענען. אבער השי"ת האט אזוי געפירט אז ווייל זיי האבן זיך מוסר נפש געווען פארן רבי'ן זענען זיי געראטעוועט געווארן פון זייערע מערדערישע הענט.

## דער וועג פון פוילן צו אונגארן

די פאפיר וועט זיין צו קורץ אויב מען וועט וועלן באשרייבן

די אפענע נסים וואס הקב״ה האט געמאכט א יעדן טריט און יעדן ריר פון דעם לאנגען וועג, וויבאלד זיי האבן פארלאזט באכניע מיט די קאר וואס האט געהאט אן אונגאהישע פּאָן האט א געדיכטע נעפל פארדעקט דעם גאנצן וועג, און האט פארשטעלט די קאר כדי די וועכטער זאלן נישט באמערקן אז א קאר פארט דורך. פיר א זייגער פארטאגס זענען זיי אנגעקומען צו די שטאט פשעמישל. דארט איז דער אפיציר אריין אין א רעסטוראנט צו עסן. נאך א שטיק צייט ווען ער האט זיך צוריקגעקערט האט ער קוים געקענט טרעפן די קאר צוליב דעם געדיכטן נעפל וואס האט איר צוגעדעקט.

אין אלע שעות פון די נסיעה האט דער רב גארנישט פארזוכט. ער איז נאר געזעסן און זיינע הייליגע הענט האבן פארדעקט זיינע אויגן.

ייד אייר אינדערפרי — זעקס אזייגער איז די קאר אנגעקומען אין א שטעטל וואס איז דער גרענעץ צווישן פוילן און אונגארן. באמת האט דער אונגארישער אפיציר ערלעדיגט אז מען זאל אים נישט אפהאלטן דעם ״רוסישן אפיציר״ און זיינע באגלייטער, אבער די סאלדאטן האבן זיך פאר׳עקשנ׳ט און האבן זיי נישט געלאזט דורך פארן. צום סוף איז אנגעקומען אן אפיציר פון די שומרים און האט געגעבן א באפעל אז זיי קענען ווייטער פארן.

ווידער איז עפעס געשען אויפן וועג — א העכערער אפיציר האט זיי אפגעהאלטן אויפן וועג און אנגעהויבן אויסצופרעגן כל מיני שאלות בקשר צו זייער נסיעה. פארוואס זיי פארן, וואו אהין זיי פארן א.א.וו. די גאנצע פלאן האט יעצט געקענט חלילה איינפאלן אויב ער וואלט יעצט אויסגעפונען — און ווער ווייסט וואס עס וואלט געקענט פאסירן... נאר אין די רגע זענען אנגעקומען דריי הויכע אפיצירן און האבן באפוילן זיי זאלן ווייטער פארן.

הגה״ק מבולגוריי האט געזאגט אויף דעם ביי א סעודת הודאה ט׳ שבט — ״איך בין זיכער אז די דריי אפיצירן זענען געווען **דער טאטע, דער זיידע,** און דער **עלטער זיידע...** (מהרי״ד, מהרי״, מהרי״ש, זי״ע)

ווען זיי פלעגן אנקומען צו א פלאץ וואו עס האט געלויערט א סכנה האט זיך דער אונגארישער אפיציר אנגערופן צו זיי אז זיי זאלן דאווענען צו השי״ת, ווייל אפילו דער גוי האט באמערקט אז ער האט נישט צו טאן דא מיט קיין פשוטע מענטשן.

## אונגוואר

דאנערשטאג — ט״ו אייר זענען זיי אנגעקומען צו די שטאט אונגוואר אין אונגארן. דארט האבן זיי זיך די ערשטע מאל אפגערוט זייט זיי האבן פארלאזט די באכניע געטא. וויבאלד די אידן אין די שטאט האבן זיך דערוואוסט אז די אחים הקדושים געפינען זיך אין די שטאט זענען זיי גלייך געגאנגען מקבל פנים זיין. אויף שבת איז מען געבליבן אין די שטאט און מען האט געפייערט דעם שבת ״כדת וכדין״.

## בודאפעסט

זונטאג, י״ח אייר האט מען שוין פארלאזט אונגוואר וואס איז געווען א גרענעץ שטאט — און זענען געפארן קיין בודאפעסט די הויפט שטאט פון אונגארן. אזוי ווי מיר האבן שוין דערציילט זענען די דייטשן נאך נישט אנגעקומען קיין אונגארן. דערפאר האבן די אונגארישע אידן נאך געהאט מנוחה. וויבאלד די אחים הק׳ זענען אהין אנגעקומען האט זיך די שמועה שנעל צושפרייט אין אלע שטעט פון אונגארן.

עס איז וויכטיג צו באצייכענען אז עס האבן געוואוינט אסאך בעלזער חסידים אין אונגארן. און יעצט אז זיי האבן אויסגעפונען אז דער רבי געפינט זיך אין בודאפעסט — קען מען זיך פארשטעלן וואס דאס האט געמיינט פאר זיי.

די אידן אין אונגארן האבן נישט געקענט גלייבן די שרעקליכע מעשיות וואס זיי האבן געהערט פון די וואס זענען אנטלאפן פון פוילן. א ציטער האט זיי אנגעכאפט — ווי אזוי קען זיין אז א מענטש מיט א מענטשליך הארץ האט געקענט אזיינס אפטאן. ווי אזוי עס קען זיין אז מענטשליכע אויגן האבן דאס געקענט צוזען. ווי אזוי עלטערן און קינדער ווערן גע'הרג'עט אין איין טאג??

"ווי אזוי האט א מענטשליכע מח זיך געקענט פארשטעלן ווי אזוי דאס האט אויסגעזען!"

עס האט גענומען אסאך צייט ביז די אונגערישע אידן האבן געכאפט וואס דא טוט זיך.

די ערשטע זאך וואס די אחים הק' האבן געוואלט טאן איז געווען איבערצורעדן די אונגארישע אידן אז זיי זאלן פראבירן ווי ווייט מעגליך ארויסצוראטעווען אידן פון דעם "טויט־נעץ". מען האט גלייך געמאכט אסיפות און עסקנים פון אלע קהילות פון אונגארן האבן זיך באטייליגט, וואו דער רבי האט גערעדט פייערדיגע רייד. אויף דעם רבי'נס באפעל האט מען זיך גלייך גענומען צו דער עבודה צו ראטעווען וואס מ'קען נאך, מען האט פעסט געארבעט און זיך באמיט אויסצופירן דעם רבי'נס בקשה.

## "שבועות און די ימים נוראים"

שבועות אין יאר תש"ג און אלע ימים נוראים פון שנת תש"ד האבן זיך אלע דערמאנט פון די ימים טובים אין **"בעלזא"**!!! רבנים, חסידים און סתם אידן פון בודאפעסט און אנדערע שטעט פון אונגארן זענען געקומען צום רבין אויף די ימים טובים. אלעס האט זיך געפירט כשורה. די הייליגע תפילות און די טישן האבן זיך געפירט אלעס ווי אין דער היים אין בעלזא, אן קיין שום ענדערונג. מען האט צוגעגרייט א גרויסע זאל כדי אלע אורחים זאלן קענען דאווענען, און די אידן פון פעסט האבן

איבער געגעבן זייערע הייזער פאר די געסט עס זאל זיין פלאץ פאר יעדן.

## וואו האט די מלחמה געהאלטן?

אין די זומער חדשים פון שנת תש״ג האבן די דייטשן איינגענומען אסאך מדינות. אבער שפעטער אין ווינטער פון שנת תש״ד האט זיך דאס רעדל אנגעהויבן צוריק צו דרייען, ווען די דייטשן זענען אנגעקומען קיין רוסלאנד האבן זיי געהאט זייער ערשטע קלאפ. די דייטשן זענען געווען געקליידעט מיט זייער גרינגע דינע קליידער, און אין רוסלאנד איז זייער קאלט. זיי האבן געקלערט אז ווינטער וועלן זיי שוין האבן איינגענומען



כ״ק מרן האדמו״ר ר׳ אהרן רוקח זצלל״ה מבעלז
שנת תרצ״א בעיר הומנא - הונגריה

רוסלאנד האבן זיי זיך נישט גערעכנט אויף די שטארקע פראסטן. אסאך פון די דייטשן האבן זיך פארפרוירן פון די קעלט. דא האט זיך דער רוסישע ארמיי אנגעהויבן צו שטארקן, און ארויס טרייבן די דייטשע ארמיי פון רוסלאנד. מיט דעם האבן די דייטשן אנגעהויבן צו פאלן, זיי האבן געדארפט ארויסציען זייער ארמיי צו בלייבןביים לעבן. די סאלדאטן האבן געזען ווי די מלחמה האלט — אז זיי האלטן שוין ביים פארלירן און האבן זיך געוואלט אונטערגעבן. אבער היטלער ימ״ש האט נישט געוואלט הערן דערפון. ער האט געהאלט רעדעס און אזוי ווי א דינער האט געשריגן — דייטשלאנד וועט איינעמען די וועלט... עס איז קיינמאל נישט צו שפעט און מיט אזעלכע דיבורים האט ער אסאך פון זיי איבערגערעדט.

אסאך פון זיינע גענעראלן האבן אנגעהויבן צו שפירן אז די גאנצע ציל פון דעם מענטש איז נאר צו הרג׳ענען מענטשן און דערפאר האבן זיי זיך באקלערט אים צו הרג׳ענען. עטליכע מאל האט מען דאס פראבירט צו טאן אבער עס איז נישט געלונגען.

## דער רבי אינטערסירט זיך וואו די מלחמה האלט

דער רבי פלעגט זיך אלעמאל אינטערעסירן און געוואלט וויסן וואו דער מצב האלט. ער האט אסאך געפרעגט דורך וועלכן וועג די דייטשן דערנענטערן זיך אריינצוגיין צו רוסלאנד. ווען זיין ברודער הגה״ק מבולגוריי האט אים דאס מסביר געווען האט ער געזאגט: **״יעצט** בין איך זיכער אז זיי וועלן האבן אן אייביגע מפלה״...

און אזוי האט ער דערציילט פאר זיין ברודער:

״ווען איך בין געווען א קליין קינד האט מיך מיין זיידע (מרן אדמו״ר מהר״י זי״ע) גענומען אויף זיין שויס און האט געמאלן אויף א פאפיר די מסעות (וועגן) פון נאפאליאן דער קיסר פון פראנקרייך, און זיין מלחמה קעגן רוסלאנד בשנת תקע״ב. און אזוי האט מיר מיין זיידע געזאגט: ווייל נאפאליאן האט אויסגעוועלט דעם וועג (עפעס א וועג) אריינצוגיין אין מאסקווע וועגן דעם האט ער פארלוירן. ווען ער זאל ווען גיין אויף די אנדערע וועג וואלט ער געווינען...

...דעמאלס האט זיין ברודער געפרעגט און וואס איז דער וועג וואס וואלט געקענט גורם זיין אז זיי זאלן געווינען? האט אים דער רב ז״ל געענטפערט: ״דאס וויל איך שוין נישט זאגן״ דאס האט מרן זי״ע דערציילט זיין ברודער.

## חסידים דערציילן

אז יום ה׳ — י״ט תמוז תש״ג באפעלט דער רב פאר איינעם פון זיינע חסידים ער זאל ארויסגיין אין מארק פון בודאפעסט און ברענגען א פיש לכבוד שבת וואס הייסט לאקס.

דער חסיד האט דאס געטאן לויטן רבי׳נס באפעל און ווען ער האט געבעטן א לאקס פיש האבן זיך אלע סוחרים געוואונדערט דערויף, ווייל דא קען מען בכלל נישט דערגרייכן אזא פיש. דער חסיד האט זיך נישט מייאש געווען — ווייל אויב דער רבי האט געהייסן ברענגען ״לאקס״ וועט ער עס זיכער טרעפן. און טאקע אזוי איז געווען, ער האט פונקט אנגעטראפן איין סוחר וואס האט געהאט דעם פיש!!! באמת מעשה פלאים!!!

ער האט געברענגט דעם פיש אין א שיסל וואסער כדי עס זאל נישט שטארבן אויפן וועג. (ווייל דער רב האט מקפיד געווען מען זאל ברענגען די פיש לכבוד שבת אום דאנערשטאג — לעבעדיגערהייט) און האט עס געלייגט אין רבינס שטוב.

נאכמיטאג איז דער רב זצ״ל אריין אין זיין צימער וואו דער פיש איז געלעגן. שטייענדיג נעבן דעם פיש האבן זיינע ליפן געשעפשעט א תפלה, שטילערהייט.

איינער פון די חסידים וואס איז פונקט דארט געווען דערציילט אז עס האט זיך אים געדאכט אז דער פיש זאגט ארויס פון זיינע ליפן צום רבי׳ן אזוי ווי איינער בעט זיך צום צווייטן ער זאל אים לאזן לעבן. עס איז געווען א געוואלדיגע פלא אין זיינע אויגן. א גאנצע שעה איז דער רבי





אוכלוסי הערים ב־1930 בקירוב:
מעל למיליון נפש
מ־500.000 ועד מיליון נפש
מ־100.000 ועד 500.000 נפש
פחות מ־100.000 נפש
הים הצפוני
דנמרק
בריט. הגדולה
אירלנד
לונדון
פריס
האוקינוס האטלנטי
הים הטירני
די מאפע פון אייראפע און דער וועג וואו
די האחים הק' זענען ניצול געווארן
דער גרענעץ וואו די נאציס האבן איינגענומען
דער וועג פון די הצלה
© 61 V&K

געשטאנען און געדאווענט, און דערנאך האט ער פארלאזט די שטוב.

ביים שלש סעודת טיש ווען מען האט אריין געברענגט דעם פיש, האט דער רבי אנגעכאפט דעם קאפ פון פיש און עס אראפגעווארפן אויפן ערד. קיינער האט נישט פארשטאנען וואס אין דעם האט געשטעקט און פארוואס דער רבי האט אזוי געטאן.

נאר צומארגענס ווען דער רשע "מוסלוני" דער מנהיג פון איטאליע, וואס ער איז געווען דער רעכטער האנט און מיט איין עצה מיט די רשע היטלער ימ"ש, איז אראפגעשטויסן געווארן פון זיין פלאץ, און אויפגעהאנגערהייט אריין געווארפן אין תפיסה — דעמאלס האט שוין יעדער פארשטאנען.

## המצב באונגארן

נאך ראש השנה איז דער רבי גערופן געווארן אויף א וויכטיגע אודיענץ צום הויפט פון די באהאלטענע פאליצאנט.... יעדער האט זיך זייער דערשראקן וואס האט דאס געקענט מיינען???

די ראשי הקהל און די גבאים האבן באגלייט די צוויי ברידער — אבער ווען זיי זענען אנגעקומען האט דער הויפט פאליצאנט געזאגט אז ער וויל רעדן צום רבין ביחידות. א פאר טאג דערנאך האט דער רבי געזאגט אז ער האט מחליט געווען צו פארן קיין ארץ ישראל.

ערשט נאכדעם וואס זיי זענען ארויס געפארן פון אונגארן האבן זיך די חסידים דערוואוסט פון דעם אינהאלט פון זייער שמועס. די דייטשן ימ"ש האבן געשיקט א באפעל קיין אונגארן איינצושפארן די אחים הק' און נאך 500 מענטשן וואס זענען אנטלאפן פון די טויט לאגערן — און זיי מוזן דאס טאן ווי שנעל מעגליך. דער הויפט פאליצאנט האט געוויזן פארן רב דעם

בריוו וואס א בילד פון רב ז״ל איז געווען צוגעטשעפעט דערויף, כדי עס זאל גרינגער זיין אים צו דערקענען. דער הויפט פאליציאנט האט פארענדיגט, זאגנדיג אז ער קען עס דערווייל אפשטופן אויף א פאר טאג און ער וועט ערלעדיגן אנדערע זאכן דערווייל אבער דער רב מוז זיך **שוין** זארגען צו פארלאזן אונגארן. און ער זאל אודאי נישט מפרסם זיין דאס וואס ער האט אים געזאגט נאר האלטן בסוד סודות.

מיר זעען פון דא וואס פאר א גרויסע חסד השי״ת האט געמאכט אז דער הויפט פאליצאנט האט אנטפלעקט דעם סוד פארן רב ז״ל, און ער איז אויך געווען מוכן צו טאן אלעס וואס ער קען כדי צו העלפן דעם רב ארויס גיין פון אונגארן און אנקומען קיין ארץ ישראל.

## מאמצי ההצלה בארץ ישראל

ווען די אחים הק׳ זענען נאך געווען אין די באכניע געטא, האט מען שוין געארבעט דערויף אז דער רבי זאל קענען אנקומען קיין ארץ ישראל. עס איז געווען זייער א שווערע זאך דורך צו פירן ווייל ווי באוואוסט האבן די ענגלענדער צוגעמאכט די טויערן פון ארץ ישראל און קיינעם נישט אריינגעלאזט. גאר ווייניג האבן מצליח געווען צו באקומען רשות אריינצוגיין אין ארץ ישראל. השי״ת האט געהאלפן און מען האט מסדר געווען אז דער רבי זאל באקומען די סערטיפיקעטס און אויך אלע וויכטיגע שריפטן כדי אריינצוגיין אין ארץ ישראל, אין דעם האט זיך באטייליגט צו דערגרייכן די סערטיפיקעטס החסיד ר׳ בעריש אורטנער ז״ל.

# מכ״א טבת תש״ד עד ט׳ שבט תש״ד

## מבודאפעסט לארץ ישראל

די אחים הקדושים זענען ארויסגעפארן פון בודאפעסט

מאנטאג, פרשת וארא, כ״א טבת — קיינער האט נישט געטארט מיט פארן ווייל עס איז געווען אוממעגליך צו ערלעדיגן אז נאך איינער אויסער די צוויי ברודער, זאל מיט פארן.

וויסנדיג אז די צוויי ברידער פארן אוועק האט זיך פארזאמלט א ריזיגער עולם. יעדער האט זיך געוואלט געזעגענען פונעם רבין פאר ער פארט אוועק.

קען מען זיך דען פארשטעלן וואס דאס האט געמיינט!!! קען מען זיך דען פארשטעלן ווי אזוי די מענטשן האבן געפילט וויסנדיג אז דער רבי פארט אוועק פון אייראפע און ווער ווייסט ווען מען וועט אים נאך זען?????! ווער ווייסט וויפיל צרות מען וועט נאך דורכגיין!!! צו וועמען וועט מען לויפן ווען מען וועט דארפן א ברכה, א נחמה, א.ד.ג. עס האט יעדן אנגעכאפט א ציטערניש ווען מען האט געזען ווי אזוי דער רבי גייט צום באן. דער הויפט פאליצאנט האט צוגעשטעלט צוויי פאליציאנטן זאלן אויפפאסן אויפן וועג ביז צום גרענעץ פון בולגאריע. ער אליין איז געקומען באגלייטן די אחים הק׳. די טירן פון באן האבן זיך פארמאכט, און קיין איין איד האט נישט געטארט מיט גיין. די באן איז ארויס געפארן און הינטער איר זענען געבליבן טויזנטער אידן זייערע אויגן פול מיט טרערן. ווער ווייסט צו מען וועט נאך זוכה זיין צו זען דעם רבי׳נס צורה. און ווער ווייס וואס וועט נאך געשען מיט זיי אין אונגארן. וואס זיי וואלטן נישט געקענט גלייבן וואס עס איז טאקע געשען מיט זיי רח״ל.

## תכנית המסע

אין יענע צייטן איז געווען א באן — א שנעל צוג וואס פלעגט פארן פון אונגארן גלייך צו טערקיי. אבער יעצט אין די צייטן פון מלחמה זענען די באן וועגן געווען צעבראכן. ווייל די לענדער פון ארום האבן נישט געוואלט עס זאל זיין גרינג פאר די נאציס ימ״ש צו צוקומען צו זייער לאנד, האבן זיי באמבאדירט די — מסילת הברזל — די באן שינעס. צוליב דעם האט מען זיך

געדארפט אויפהאלטן אין יעדן פלאץ וואו מען איז אנגעקומען און דארטווארטן ביז נאך א באן וועט פארן.

## אראד

ווען דער באן איז דורכגעפארן דעם גרענעץ פון אונגארן — רומעניע, האט זיך עס אפגעשטעלט אין אראד. (טעמעשוואר אין אונגאריש)

די אידן אין אראד וואס האבן זיך דערוואוסט דעם סוד וועגן רבינס אנקום האבן געווארט אויפן רבי'ן כדי אים מקבל פנים צו זיין. און ווען דער רבי איז אנגעקומען האבן זיי אים אויפגענומען מיט גרויס שמחה. פון דארט זענען זיי ווייטער געפארן קיין בוקארעסט די הויפט שטאט פון רומעניע. זיי זענען אנגעקומען אהין אין א דינסטאג.

## בוקארעסט

אין בוקארעסט האבן זיך די אחים הק' אויפגעהאלטן א גאנצן טאג, ווייל מען האט אויסגעפונען אז עס איז נישט דא קיין באן וואס וועט זיי נעמען גלייך צו סופיה־בולגרייע, זיי זענען איינגעשטאנען אין הויז פון האדמו"ר מפאלטשאן — וואס האט דארט געוואוינט. ווען די נייעס האט זיך צושפרייט אז דער בעלזער רבי געפינט זיך אין בוקארעסט האבן זיך אסאך מענטשן איינגעזאמלט כדי צו קענען געבן שלום פארן רבין.

## סופיה — הויפט שטאט פון בולגרייע

מיטוואך אינדערפרי האבן די אחים הק' ממשיך געווען מיט זייער נסיעה, אריבער צו פארן דעם גרענעץ בולגאריע־רומעניע. ווען זיי זענען אנגעקומען צום גרענעץ האט מען זיי דורכגעקוקט אלע זייערע שריפטן. עס האט געדויערט א פאר שעה און דורך דעם האבן זיי פארשפעטיגט דעם שנעל צוג (עקספרעס באן) וואס פארט פון איין פלאץ צום צווייטן און שטעלט זיך נישט אפ ביי יעדע סטאנציע. וועגן דעם האבן זיי געמוזט נעמען דעם

לאקאלן באן וואס האט זיך ארום געשלעפט און עס האט גענומען אסאך לענגער ווי ווען זיי וואלטן געפארן מיט די אנדערע באן.

ווען זיי זענען אנגעקומען דאנערשטאג אינדערפרי קיין סופיה האבן זיי זיך דערוואוסט פון דעם גרויסן נס וואס השי״ת האט געטון מיט זיי, דורך דעם אז זיי האבן פארשפעטיגט די שנעל-צוג, ווייל עס איז געווארן באמבאדירט אויפן וועג דורך דער ענגלישער מיליטער.

## לאיסטאנבול דרך יון (גריכלאנד)

דאנערשטאג נאכמיטאג זענען זיי אנגעקומען צום גריכישן גרענעץ. נאך אמאל האט מען זיי אלעס דורך געקוקט און זיי האבן ווייטער געדארפט פארן מיט אן אנדערן באן. עס איז נישט געווען א געהעריגע באן וואס פירט מענטשן נאר א באן וואס פירט זאכן פון איין פלאץ צום אנדערן. אין די באן איז געווען געפערליך — די וואגאנען זענען געווען אפען פון אלע זייטן. אינדרויסן האט געהערשט קעלט און פראסט, דער רבי האט ממש געציטערט פון קעלט און שוואכקייט. זייט ווען ער איז ארויסגעפארן פון אונגארן האט ער גארנישט טועם געווען, ער איז געזעסן בתענית שוין דעם פערטן טאג. אזוי זענען זיי געפארן איבער גאנץ גריכלאנד ביז זיי זענען אנגעקומען צום טערקישן גרענעץ.

## איסטאנבול — טערקיי

טערקיי האט זיך נישט געוואלט אריין מישן אין די מלחמה. זי איז נישט געווען אויף קיין איין זייט, דערפאר האט דייטשלאנד אויף איר נישט געהערשט. עס איז געווען פארשטענדליך פאר יעדען אז ביים גרענעץ פון גריכלאנד און טערקיי (איסטאנבול) וועט מען די מערסטע אונטערזוכן און אויספארשן, ווייל די רשעים וועלן זיכער וועלן כאפן אידן וואס זענען אנטלאפן פון זייערע רוצחישע הענט. אזוי איז טאקע

געווען, ווען די באן איז אנגעקומען צום גרענעץ זענען אויך אנגעקומען די געסטאפא ימ״ש און דורך געקוקט די שריפטן אויב זיי זענען נישט פאלש און געפרעגט יעדן מענטש אהין און צוריק. אסאך זענען טאקע געכאפט געווארן. ווען מען איז אנגעקומען צום רביין מיט זיין ברודער, איז געשען א וואונדערליכע זאך — אזוי ווי זיי האבן געזען אן אלטן מענטש איינגעהילט אין א וואלענעם טיכל (צוליב די געפערליכע קעלט) און ער זעט אויס ווי א קראנקער, רופט זיך דער אן דער דייטשער אפיציר : ״איך וויל נישט מטריח זיין דעם אלטן לאזט אים גיין!״ וואס פאר א נס! גלייך האבן זיי פארלאזט דעם פלאץ און אפילו נישט געבעטן זיי זאלן אויפמאכן זייערע רענצלעך.

די באן איז דורך דעם טערקישן גרענעץ!! יעדער האט זיך שטארק געפרייט און מען האט שוין גרינגער אפגעאטעמט אז מען האט זיך שוין ב״ה ארויסגעכאפט פון דעם ״לייבן גרוב״. אין דעם באן האבן זיך צוזאמען געקומען א מנין אידן און זיי האבן אלע געדאווענט תפלת מנחה מיט גרויס כונה און שמחה אז זיי זענען אנטרינען פון דער רשעים׳ס הענט. מען האט געקענט זען דער שמחה וואס האט געהערשט אויף דער רבי, מען האט עס געקענט שפירן.

עס איז ערב שבת פאר דער שליח ציבור האט געזאגט דעם קאפיטל ״הודו לד׳ כי טוב...״ וואס מען זאגט פאר תפלת מנחה האט דער רבי געזאגט מען זאל איבער׳חזר׳ן דעם פסוק **״יאמרו גאולי ד׳ אשר גאלם מיד צר״** דריי מאל. נאכן דאווענען האט איינער פון די נוסעים (פארערס) געמאכט קידוש אויף ברויט וואס איז נאך געבליבן זייט ער איז ארויס געפארן פון פעסט. דער רב האט יוצא געווען מיט זיין קידוש, דערנאך האט ער געגעסן אביסל קאמפויט און מיט דעם האט ער מקיים געווען די מצוה פון סעודת שבת. דאס איז געווען דעס ערשטער מאל וואס דער רב האט עפעס טועם געווען זייט ער איז ארויס געפארן פון פעסט, אויפן וועג, כמעט א גאנצע וואך פון פאסטן.

דער רב האט געפירט טיש, מען האט געזינגען זמירות און דער רב האט געטיילט שיריים און געזאגט תורה.

שבת אינדערפרי איז דער באן אנגעקומען קיין איסטאנבול. די קבלת פנים אין איסטאנבול איז געווען מיט זייער גרויס התרגשות און שמחה אז מען האט זוכה געווען צו זען דעם בעלזער רבי ארויס פון די רשעים׳ס הענט. אסאך הונדערטער אידן האבן מקבל פנים געווען דעם רבי׳ן.

נאכדעם וואס די אחים הק׳ האבן זיך אביסל אפגערוט האט מען געדאווענט תפלת של שבת. נאכן דאווענען האט דער רב געפירט זיין הייליגע טיש. ״שלש סעודת״ טיש האט דער רב געפירט ביז שפעט אין דער נאכט.

די אחים הק׳ זענען געבליבן אין איסטאנבול בערך צען טעג וויל דער רבי איז געווען זייער אפגעשוואכט און האט זיך געמוזט אפרוען א פאר טאג פארן פארן ווייטער קיין ארץ ישראל.

אלע רבנים פון איסטאנבול און די חכמים פון די ספרדים זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם רבי׳ן און געדאנקט השי״ת אויף די גרויסע נסים וואס ער האט געטאן מיט זיי. אפילו גוי׳אישע אפיצירן זענען געקומען מקבל פנים זיין. זיי האבן זיך אנגעטראגן צו העלפן מיט וואס מען דארף. יעדער איז געווען אינטערעסירט צו הערן וואו דער מצב אין אירופה האלט. הגה״ק מבילגורייא וואס איז געווען באקאנט אויך אין וועלטליכע זאכן האט זיי פונקטליך אראפגעלייגט דעם מצב פאר זייערע אויגן לויט דעם וואס ער אליין האט געזען און געהערט. יעדער האט זייער באוואונדערט אין נתפעל געווארן פון זיין גרויסע קענטעניש, עס האט יעדן צעבראכן און מיט פיל טרערן האט מען אויסגעהערט וואס ער דערציילט פון די ביטערע צרות פון פוילן.


הרה"ק מבילגורייא בשנת תש"ט

## היציאה מאיסטאנבול לעבר דמשק־סוריא

יום ג' — ז' שבט תש"ד זענען די צוויי הייליגע ברידער ארויסגעפארן צו דמשק. אסאך מענטשן האבן דארט געווארט כדי זיך צו געזעגענען מיטן רבי'ן. ביי יעדע סטאנציאן האבן געווארט אסאך אידן וואס האבן געוואוינט אין טערקיי — מקבל פנים צו זיין. אין דמשק האט מען זיי נאך אמאל דורכגעקוקט אבער דאס מאל איז עס געווען די בריטישע ארמיי וואס האט דורכגעקוקט יעדן מענטש וואס איז אנטלאפן פון די לענדער וואס די דייטשן ימ"ש האבן איינגענומען. דעם רבי'ן האט מען בכלל נישט דורכגעקוקט ווייל זיי האבן באקומען א באפעל אז זיי זענען פריי פון אלע בדיקות.

אויך די בריטישע אפיצירן האבן געכאפט א שמועס מיט הגה"ק מבולגורייא און האבן פון אים באקומען אסאך וויסנשאפט וועגן די מלחמה אין אייראפע. פון דמשק זענען זיי געפארן קיין ארץ ישראל. (פון דמשק צו חלב פון חלב צו בירות

די הויפט שטאט פון לבנות און פון בירות גלייך צו ארץ ישראל).

דאנערשטאג — "ט' שבט תש"ד" זענען די אחים הק' אנגעקומען קיין ארץ ישראל צו די שטאט חיפה.

עס איז אוממעגליך צו באשרייבן דאס י גרויסע התרגשות און שמחה וואס האט פארפלייצט אלע אידן פון ארץ ישראל ווען די בשורה איז אנגעקומען צו זיי. די מענטשן זענען ממש ארויס פון די כלים וואס זיי האבן אויסגעדריקט זייער שמחה אז דער הייליגער צדיק האט געקענט גערעטעוועט ווערן און קומען וואוינען קיין ארץ ישראל.

## ארץ ישראל

**מיטן אנקומען קיין ארץ ישראל האט זיך געענדיגט די שווערע וואנדערונגען פון איין פלאץ צום צווייטן, אין די ברייט פון די פארוויסטע אייראפע, וואס האבן זיך געצויגן פאר פיר גאנצע יאר. אין דעם טאג וואס כ"ק מרן אדמו"ר מהר"א זי"ע און זיין ברודער מהר"ם מבילגורייא זי"ע זענען אנגעקומען קיין א"י אויפן הייליגן לאנד, האט זיך אנגעהויבן אויף דאסניי**



כ"ק מרן מהר"א ביים "הנחת אבן הפינה" פאר די הייליגע ישיבה הק' אין ירושלים עיה"ק

**אויפצובויען דאס וואס איז חרוב געווארן במשך די יארן פון מלחמה. ער האט געשטארקט און געטרייסט אלע צעבראכענע. דער טאג פון ט' שבט איז געווען אזוי ווי א טאג וואס מען האט געשטעלט א נייעם "אבן הפינה" צו בית בעלזא. און מיט דעם איז מקוים געווארן דאס וואס דער ערשטער בעלזער רב זכותו יגן עלינו האט מבטיח געווען:**

**"בעלזא וועט זיין א ווינקל וואס פון דארט וועט מען שעפן תורה און יראת שמים ביז משיח וועט קומען במהרה בימינו אמן!!!"**

**השמדת יהודי הונגרי'**

אין די לעצטע צוויי חדשים פאר די דייטשן ימ"ש האבן געהאט זייער לעצטע מפלה זענען אויסגע'הרג'עט געווארן מער ווי 200,000 פון די אונגארישע אידן. יעדן טאג זענען אנגעקומען וועגענער פול מיט מענער און פרויען קיין אוישוויץ. אזוי אז די אונגערישע אידן האבן אויך געשפירט דעם טעם פון דעם ביטערן גלות און צרות. וויפיל מען האט פראבירט זיי צו ראטעווען האט נישט געהאלפן. מיט יעדן טאג האבן די דייטשן געזען אז זייער סוף איז שוין זייער נאנט — און דוקא דערפאר האבן זיי זיך געשטארקט אריין צו כאפן וויפיל אידן עס איז מעגליך אין זייער נעץ פון טויט.

די רוסן האבן זיך דערנענטערט אלץ מער און מער צו די אונגערישן גרעניץ. ווען זיי וואלטן זיך אביסל שנעלער אריינגעצויגן אין אונגארן וואלטן געראטעוועט געווארן נאך מער, נאר זעט אויס זיי האבן געמאכט א הסכם מיט די פארשאלטענע דייטשן צו ווארטן ביז ווען די אידן פון אונגארן וועלן אויך אפגעווישט ווערן.

**"אב הרחמים שוכן במרומים הוא יפקוד ברחמים החסידים והישרים והתמימים שמסרו נפשם על קדושת השם"** דער דערבארימדיגער פאטער וואס זיצט אין הימל געדענקט די מיליאנען אידן וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיין הייליגן נאמען, און זיי זיך נוקם דיין נקמה פאר די אומשולדיגע בלוט — **כי דם עבדיו יקום ונקם ישיב לצריו, ארץ ארץ אל**

**תכסה דמם** — ערד ערד פארנעם נישט די בלוט וואס די רשעים האבן פארגאסן, **ידין בגוים מלא גויות מחץ ראש על ארץ רבה מנחל בדרך ישתה על כן ירים ראש.**

* * *

## מפלת הרשעים

י״ז אייר תש״ה איז דער גרויסער רשע היטלער ימח שמו וזכרו נעלם געווארן. א וואך שפעטער האבן זיך אלע דייטשישע סאלדאטן אונטערגעגעבן, און מיט דעם האט זיך געענדיגט דער אכזריות׳דיגסטע מלחמה פון אלע מלחמות פון די וועלט ״דער צווייטער וועלט מלחמה״.

## אחרית דבר

**דער רב צוזאמען מיט זיין ברודער האבן גלייך אויפגעשטעלט מוסדות פאר יתומים און יתומות וואס זענען געבליבן אן קיינעם, א ״וועד״ צו ראטעווען דעם שארית הפליטה, און אויך געמאכט א גרויסן ״עצרת תפילה״ בעטן דעם אייבערשטן ער זאל זיך מרחם זיין אויף זיינע קינדער און מבטל זיין דעם רוע הגזירה.**

״ישיבה דחסידי בעלזא
בעיה״ק ירושלים ת״ו
נוסדה ע״י כ״ק מרן אדמו״ר זצללה״ה
בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א



**אויך האט דער רב זצ"ל זיך תיכף גענומען בויען מוסדות תורה וחסד וואס זענען פארשפרייט אין ארץ ישראל — ירושלים, בני ברק, תל אביב, חיפה, אשדוד, אמריקה, מונטריאל, אנטווערפען, לונדון, און נאך פלעצער אין דער וועלט וואס עס פירט זיך ביד רמה על ידי הנהגתו הק' פון** כ"ק מרן מהרי"ד שליט"א, **און דאס וועלן מיר באשרייבען בעזהי"ת אין דעם צווייטען חלק "פון בעלזא ביז ירושלים".**



כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## יום ט' שבט

פון דעם יאר אן אין דעם טאג ט' שבט יום ההצלה האט זיך מרן זצ"ל געפירט צו מאכן אזוי ווי א "סעודת הודאה" און האט געטיילט לעקעך און בראנפן ביי דער מסיבה. דעמאלס פלעגט ער דערציילן וועגן די נסים און נפלאות וואס האבן פאסירט אויפן וועג. און איינע פון די סעודות האט זיך כ"ק מרן האדמו"ר מוהר"א זי"ע אנגערופן.

**"דער משוגענער הינט האט געוואלט פארניכטן דאס גאנצע אידישע פאלק און די גאנצע וועלט, און יעדער איד וואס איז געראטעוועט געווארן האט געהאט צוויי מלאכים פון הימל וועלכע האבן אים געהיטן".**

דער רב ז"ל האט קיינמאל נישט גערופן דעם רשע מיט זיין נאמען נאר מיטן נאמען "משוגענער הונט" כדי נישט ארויסצוזאגן מיט זיין מויל זיין טמא'נע און פאר'מיאוס'טע נאמען.

הגה"ק מבילגוריי פלעגט אסאך רעדן וועגן די אידנ'ס גרויס מסירת נפש אין די געטאס פאר תורה ומצוות. אידן האבן זיך באהאלטן אין די לאגערס און האבן ממשיך געווען אין א לעבן פון תורה וקדושה, אזוי ווי דער רשע וואלט נישט עקזיסטירט. ווען א איד איז געכאפט געווארן האט ער נישט אנטפלעקט פאר די רשעים דעם באהאלטענעם פלאץ וואו זיין חבר געפינט זיך, טראץ דעם וואס מען האט אים געפערליך געפייניגט אז ער זאל אויסזאגן. לסוף האט מען אים גע'הרג'עט... אבער דער סוד האט ער געהיטן.

אידן האבן מיט גענומען מיט זיך זייער טלית ותפילין — און בסוד סודות האבן זיי מתפלל געווען מיט גרויס מסירת נפש, וואס עס האט זיי געדראט די טויט שטראף. נאך אסאך א זעלכע מעשיות פון מסירת נפש זענען געווען אין די לאגערס.

אין דעם טאג ט' שבט – יום ההצלה, פייערן די בעלזער חסידים פון די גאנצע וועלט אלץ א טאג פון שמחה והודאה צו השי"ת אויף די גרויסע נסים און פיל חסדים וואס ער האט אונז געטאן מיטן ראטעווען די אחים הק' פון נאצישע הענט ימ"ש. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שו"ע (שלחן ערוך) "ואותה סעודה שעושין בשביל הנס, היא סעודת מצוה, דכל סעודה שעושין לזכר נפלאות ה' הוא סעודת מצוה". א סעודה וואס מען מאכט צוליב א נס איז א סעודת מצוה – ווייל יעדע סעודה וואס מען מאכט אלץ אן אנדענק פון די נסים וואס השי"ת האט געטאן איז א סעודת מצוה.

אזוי אויך פירט זיך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א צו טיילן לעקעך און בראנפן און צו דערציילן פון די נסים ונפלאות וואס השי"ת האט מיט אונז געטאן בימים ההם בזמן הזה.



בנין "בנות ירושלים דחסידי בעלזא" בוויליאמסבורג

# חינוך הבנות היינטיגע תקופה *

ווי עס איז באוואוסט און באקאנט פון די אלע פריערדיגע דורות איז געווען די וויכטיגסטע און די ערשטע זארג פון דער טאטע און מאמע מחנך צו זיין און מגדל זיין די זון און די טעכטער צו תורה, יראת שמים און מדות טובות.

דער עיקר דאגה פון די עלטערן אין אלע דורות איז געווען געצילט אויף חינוך הבנות, זייער גאנצע שטרעבען איז געווען אז זיי זאלן ווייטער אויפשטעלן דורות ישרים ומבורכים בדרך ישראל סבא.

מען האט אוועק געגעבן דאס לעבן און פארמעגן און געשטאנען אויפ'ן וואך ווי א מויער קעגן אלע בייזע ווינטן וואס האבן געבלאזן פון אלע זייטן אין זיך באנייט יעדן טאג, אין פארשידענע צורות וואס זענען קעגן רוח התורה בכלל, און דרך החסידות בפרט עס זאל חלילה נישט ארייננדרינגען אין די אידישע שטוב.

דער עיקר פלאץ פון ערציען די אידישע טאכטער איז געווען די "אידישע שטוב", וואס פון דארט האט זיך אפגעשפיגעלט תורה, אהבת ה', יראת ה', צניעות און גוטע מדות.

די שטוב איז געווען איר איינציג ווינקל פאר חינוך וואס פון דארט איז זי ארויסגעגאנגען מיט די אמת'ע הייליגע שטאלצקייט וואס דאס האט איר געגעבן די שטארקייט צו שטיין פעסט קעגן אלע פירצות פון דור, און נישט משנה צי זיין ח"ו פון מנהגי ישראל וואס מען האט געהאט מקובל פין די עלטערן אין אלע דורות.

**דאס בארימטע חסידות "בעלזא"** האט אין אלע דורות געהיטן אויף דעם גחלת ישראל עס זאל ח"ו נישט פארלאשן ווערן, און געשטאנען שטרענג אויף דער וואך אויף דעם באדען פון חינוך פון בני ובנות ישראל, און מדקדק געווען אויף יעדן ווארט פון שלחן ערוך און דברי סופרים, קלה כבחמורה, אפגעהיטן דעם דרך החסידות און אלע מנהגי ישראל נישט צו בייגען זיך ח"ו רעכטס אדער לינקס.

**"חסידות בעלזא"** איז אין די פריערדיגע דורות פאר דעם חורבן

* צונויפגעשטעלט אין ארויסגעברענגט דורך די וועד הנהלה הרוחנית פון אינזער מוסד "בנות ירושלים"

אייראפע, געווען א שטארקער קעגנער צו דער רעיון פון עפענען שולעס אין בתי חינוך פאר מיידלעך (בפרט אין גאליציא).

כדי צו פארשטיין "מה נשתנה" — פאר וואס האבען אונזערע הייליגע רבי״ס יא מסכים געווען נאך די וועלט מלחמה אויפצושטעלן מוסדות חינוך פאר מיידלעך? און אויך געפאדערט שטרענג אויפצושטעלן בתי חינוך פאר אונזערע מיידלעך.

צו פארשטיין דאס, ווילן מיר זיך א ביסל פארטיפן ארויסצוברענגען אין קורצן די סיבה פאר וואס פאר די מלחמה (חורבן אייראפע) האבן אונזערע רבי״ס זי״ע נישט מסכים געווען צו בתי חינוך לבנות!

ווי עס איז באקאנט מדברי השו״ע והפוסקים איז דא אן אנזאג אויף געוויסע חלקים פון די תורה וואס איז פארבאטן צו לערנען פאר נשים — כמאמר חז״ל; "כל המלמד את בתו תורה כאילו לומדה תפלות". צוליב דעם איז מען געווען געצווינגען צו זוכן פארשידענע אנדערע לערן מאטריאל, וואס כדי צוצוקומען צו דעם איז נישט געווען מעגליך אנדערש, נאר דורך זיך אריין לאזן אין לימודי חול אין פרעמדע שפראכן וואס ווי פארשטענדליך אין יענע צייט איז דאס אלעס געווען אנגעפילט מיט דברי מינות ואפיקורסות, אין דברי שחץ ופריצות, וואס איז געווען מלא סכנה פאר די כשר׳ע אידישע מיידל זיי צו נעמען אין די האנט אריין.

אויסער דעם, איז געווען נאך א סכנה — אין יענע צייט — ווייל לויט׳ן געזעץ (גזירת המלכות) כדי אויפצישטעלן א "בית חינוך לבנות" האט מען געדארפט צוקומען צו א זעלכע סארט לערערינס וואס איז באשטעטיגט געווארן דורך די רעגירונג וואס ווי פארשטענדליך זענען זיי געווען פרעמד און דערווייטערט פון דער גייסט פון תורה והחסידות, און להיפוך, דער רוח פון פארגעשריטנקייט, השכלה, און כל מיני רוחות רעות אונטער זייער פארשידינע נעמען האבען אנגעפילט זייער גאנצער וועזן — און אויב ח״ו זיי וואלטן געלערנט מיט אידישע טעכטער וואלט זיכער געווען א חשש אז זיי וועלן האבן א כח השפעה לרע און די אלע מיני דעות זרות ונפסדות וואלטן אריינגעדרינגען אין די הערצער פון די

אידישע טעכטער — און וואס די תוצאות וואלטן געווען קען מען זיך שוין פארשטעלן (ח"ו).

און נאך מער, פונקט אזוי ווי די "אידישע שטוב" איז געווען א קוואל פאר די אידישע טאכטער צו שעפן יראת שמים — אזוי אויך נישט וויניגער איז געווען די "אידישע גאס" וואס דארט האט זיך אפגעשפיגעלט דער זעלבער גאנג, און אפילו זי האט געעפענט די טיר פון שטוב צו די אידישע גאס וועגן איר געברויך האט דאס ח"ו איר נישט באיינפלוסט צום שלעכטן, — נאר אדרבה, דארט האט זי נאך צו באקומען מער חיזוק און ווארימקייט צו מדות טובות וצניעות, און זי האט נישט געדארפט ביישטיין נסיונות וואס זענען געווען פרעמד א קעגען איר חינוך און רוח טהרה וואס זי האט באקומען אין די "אדישע שטוב".

צוליב די אויבנדערמאנטע סיבות און ענליכע פארשידענע פאקטן וואס איז געווען שייך דעמאלט לפי רוח הזמן והמקום — האט דאס אלעס צוגעבערענגט צו דעם וואס אונזערע רבי'ס האבן געהאלטן אז שב ואל תעשה איז בעסער, כדי עס זאל חלילה נישט קענען ארויסקומען אז די שאדענס זאל זיין מער ווי די פארדינסט.

דאס איז געווען אלץ אין דעם פריערדיגען דור, אבער ליידער איז אראפ די גרויסע איבערקערעניש אויף די וועלט וואס רוב מנין ובנין פון יהדות החרדית איז ליידער אומגעקומען ביי די צווייטע וועלט מלחמה וואס כמעט אלע אידישע קהילות זענען פארטריבען געווארן און גע'הרג'עט געווארן און צעשפרייט געווארן אין די גאנצע וועלט וואו מיר געפינען זיך היינט, ממילא איז דער ענין אינגאנצען פארענדערט געווארן, עס עקזיסטירט שוין נישט היינט די אמאליגע אידישע גאס, נאר ליידער פונקט פארקערט דאס די גאס איז אנגעפילט מיט הפקרות און אויסגעלאסענקייט אן א שיעור, און אז מען גייט ארויס פון שטוב אין גאס, דארף מען האבן גרויס סייעתא דשמיא אין מתפלל זיין צו השי"ת אז מען זאל בלייבן דער זעלבער ווי מען איז ארויסגעגאנגען פון שטוב. א געפערליך שעדליכע השפעה האבען די אומווירדיגע גאסן אויף די יונגע נשמות פון אונזערע טייערע אידישע טעכטער.

לויט דעם וואס מיר האבן האבען דערמאנט, וואלט מען דאך געוועזן געצווינגען אונזערע מיידלעך , איינצושפארען אין די שטובער אפצוהיטן אויף די קדושה און צניעות פון די אידישע טעכטער , אין נאך מער דארפן מיר וויסען, אז די אידישע שטוב איז שוין אויך נישט די זעלבע וואס עס איז געווען אין אמאליגע צייטן, פארוואס?, וויל ווי דער מציאות ווייזט איז בשום פנים ואופן נישט מעגליך פאר די עלטערן אוועק צו געבן זייער גאנצער צייט און כוחות לטובת זייער טעכטער , אין היינטיגע צייטן איז מען געצווינגען דאס בעסטע חלק פון טאג נאך צו יאגן און נאכלויפן על המחיה ועל הכלכלה און מען איז פארנומען א גאנצען טאג צו פארשאפן דאס פרנסה פארן הויזגעזינד.

ממילא איז פארשטענדליך דאס די אמאליגע עצה פון האלטן די טעכטער אין די "אידישע שטוב" קען שוין נישט היינט ליידער אויפטאן דאס וואס עס האט אמאליגע צייטן אויפגעטון — אריינצוברענגען דער רוח התורה והחסידות אין זייער הערצער און זיי אפצוהיטן פון דרויסנדיגע ב״יזע ווינטן.

על כן, האבן איינגעזען די מנהיגי וצדיקי הדור, די פארזארגערס פון יהדות החרדית — משנה זיין פון די אמאליגע שיטה — אדרבה, זיי האבן געשטופט און גהייסן אויפשטעלן מוסדות החינוך פאר מיידלעך, וואס דאס זאל זיין דער פלאץ וואו זיי זאלן באקומען זייער חינוך דורך די רייכע לערן פראגראמען און דורך די פערזענליכע אויפפאסונג פון די לערערינס צוזאמען מיט שותפות׳דיגע כוחות פון די עלטערן, מען זאל קענען צוקומען צו די אמת׳ע מטרה פון — מחנך זיין אונזערע טעכטער על טהרת הקודש — ביתר שאת וביתר עוז.

און ב״ה, אז היינט איז בנמצא לערערין׳ס נשים צדקניות וואס זיי האבן געלערנט א פרק אין הלכות חינוך און פארשטייען די וויכטיגקייט פון חינוך הבנות און זיי זענען ראוי צו זיין לערערינס, דערצו איז אויך דא ב״ה א סאך לערן מאטריאל אין לייען שריפטן וואס איז אויסגעהאלטן על פי תורה וואס אין די אמאליגע צייטן איז דאס נישט געווען בנמצא — איז ממילא, צוליב דעם אין אזעלכע אומשטענדן איז דווקא די פלאץ פון

מיידלעך היינט אין "בית חינוך לבנות" (אין שולע) וואס ווידמעט איר צייט אין תורה און חינוך לפי הוראת רבותינו הק', **און פון דארט האפן מיר אז זיי וועלן ארויסקומען די ריכטיגע אידישע מאמעס וואס וועלן אויפבויען בתים נאמנים לה' ולתורתו לפי רוח התורה והחסידות בקדושה ובטהרה!!!.**

★

## בית חינוך לבנות "בנות ירושלים דחסידי בעלזא" בעיר רבתי נוי־יארק

דער מוסד פון **"בנות ירושלים דחסידי בעלזא"**, איז געגרינדערט געווארן שנת תשל"ג , נאך דעם ערשטער היסטארישן באזוך פון **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** אין אמעריקע, וואס דעמאלט האט ער מעורר געווען אין די וויכטיגקייט אופצובויען און אוועקשטעלן א היים פאר אונזערע טעכטער וואו זיי זאלען נתחנך ווערן על טהרת הקודש ברוח התורה והחסידות.

מיט פיל שוועריקייט און מיה האבן גענומען אויף זיך אייניגע יונגעלייט עסקנים, אויסצופירן דעם הייליגן באפעל פון זייער רבי'ן שליט"א , מען האט געעפנט א מוסד, אנהויבנדיג מיט א קליינע צאל תלמידות אין די קלענערע כיתות ווי קינדערגארטנס, כיתה א', און כיתה ב'.

עס איז נישט אריבער קיין לאנגע צייט וואס דער גוטער נאמען פון דעם מוסד איז פארשפרייט און באוואוסט געווארן סיי מיט זייערע רייכע פראגראמען פון חינוך, און סיי מיט די פערזענליכע איבערגעגעבענקייט צו יעדע תלמידה — און דער צאל פון די תלמידות איז געשטיגן העכער און העכער בלע"ר, ביז עס האט דערגרייכט צו דעם פונקט אז די עסקנים האבן זיך געמוזט אונטערנעמען צו קויפן און בויען א בנין וואס זאל זיין לשם ולתפארת, עס זאל זיין א פלאץ וואס זאל ענטהאלטן אין זיך ברייוח די הונדערטע תלמידות וואס ווערן נתחנך אין איר צו תורה, צניעות , ומידות טובות.

# א טייל פון די מעלות און אייגנשאפטן פון דעם ״בית חינוך״

מיט וואס צייכנט זיך אויס דער ״בית חינוך״ און וואס פאר א מעלות פארמאגט זי מער ווי אנדערע בתי חינוך אין ניו־יארק?, און מיט וואס פאר א צוגאנג פרעזענטירט זי איר וואונדערבארען חינוך וואס מיט דעם האט זי זיך ערווארבן איר ערהויבנקייט?

**א)** איינס פון די גרעסטע יסודות, א וויכטיגער פונקט וואס די ״הנהלת ועד הרוחני״ פון דעם מוסד האט געלייגט א גרויס געוויכט אויף דעם — איז דער ענין פון אויפנעמען פאסיגע לערערינס, ווייל דער כלל איז אז עס איז נישט פארהאנען א גרעסערער השפעה אויף די תלמידה ווי דאס פערזענליכע געשטאלט, אויסזען, און הנהגה תמידית, פון די לערערין וואס די אויגן פון די תלמידות זענען געווענדען צו איר די רוב שעות פון טאג וואס אויף זיי ליגט די חובת החינוך פון די תלמידה מען זאל קענען זאגן אויף די לערערין אז זי איז טאקע אן אמת׳ע נאה דורש ונאה מקיים סיי אין איר דרך ארץ, איידלקייט, צניעות, און אויפפירונג בדרך כלל דעם גאנצען טאג, דאס איז די לעבעדיגע מוסטער פאר די תלמידה וואס דארף אריין געבען די גרעסטע חלק פון חינוך אין איר, אין האט די מערסטע השפעה אויף די קינדער, צו ערייכען דאס, פארלאנגט זיך א שטרענגע אונטערזוכענט און א שטרענגע נאכפארשונג איידער מען נעמט אויף די לערערין אדער מחנכת, אז זי אליין זאל זיין פול מיט א תוכן רוחני און מלא מוסר ויראת שמים, זיי זאלן קענען ארויסגעבען ריכטיגע דברים היוצאים מן הלב כדי עס זאל זיין נכנסים ללב.

אויך די לערערין׳ס אויף לימודי חול ווי למשל ענגלישע לימודים א.א.וו. פארלאנגט זיך אז זייער פארזענליכקייט זאל אויך זיין על טהרת הקודש, ווי באוואוסט זענען די שעות פון די דאזיגע לימודים די מערסטע מסוכנ׳דיג צו דער אמת׳ער הייליגען חינוך וואס מיר שטרעבן צו דעם, יעדן טריט און שריט ביי די לימודי חול דארף מען נאכגיין מיט פול נאכפארשונגען און בודק זיין מיט שבע בדיקות וואס און ווען, און ווי אזוי, און ווען מען גייט צו צי די אונטערנעמונג, קוקט מען די ערשטע

זאך אויב די לערערין ענטהאלט אין זיך יראת שמים און זי איז נישט ח״ו פרעמד צום רוח התורה והחסידות, צניעות ומידות טובות, ווייל אויב עס פעלט דער יסוד קען עס פארמינערן דעם אמת׳ן תכלית וואס מיר ווילן און פארלאנגען פון אונזערע טעכטער.

און מיט אסאך פלאג און נישט ווייניגער געדולד, האבן ב״ה מצליח געווען ביז היינט די מנהלים פון דעם בית חינוך **״בנות ירושלים דחסידי בעלזא״** צו טרעפן דאס ריכטיגע און פאסיגע וואס פארלאנגט זיך פאר אזא בית חינוך.

**ב)** נאך א וויכטיגע יסוד האבן אויף זיך גענומען די מנהלים פון דעם **״בית חינוך״**, ווי דער פסוק זאגט אין משלי: **״חנוך לנער על פי דרכו״.** די טעכטער באקומען ביי אונז, אן איינצעלנע און פריוואטער חינוך מיט א שטענדיגע השגחה און אויפפאסונג במשך דעם גאנצען טאג און גלייכצייטיג אויך אין די פרייע צייט ווי למשל ביים עסן, שפילן, א.א.וו. און אפילו אין אזעלכע צייט ווי די שבת נאכמיטאג׳ס וכד׳ וואס שטענדיג ווערט זי באגלייט מיט דעם ״בית חינוך׳ס״ ספעציעלער הדרכה און השקפה מיט פארשטענדיגטע רייד ובדרכי נועם לויט די תלמידה׳ס פארשטאנד, עניני חינוך וצניעות ומדות טובות ביז עס ווערט איינגעפאלנצט אין איר אז זי אליין איז אויך נאר משתוקק און גליסט צו לעבען אזא שטייגער, וואס עס פארלאנגט זיך פון א אידישע טאכטער, און מיט די צייט אין די שפעטערדיגע יארן וועט זי אליין זיין א לעבעדיגע מוסטער פאר די וועלט און זי וועט זיך קענען אויפבויען אויך אזא שטוב וואס מען וועט דארט מקפיד זיין על קלה כבחמורה, אין אלע ענינים, און איר איינציגע מטרה וועט זיין צו בויען א בית נאמן לה׳ ולתורתו.

**ג)** די חכמים זאגן אונז ״הני נשי במאי קא זכיין דמנטרין גברייהו לבי כנישתא״ — מיט וואס פאר א זכות זענען די ווייבער זוכה? — דורך דעם וואס זיי ווארטן אפ און היטן אפ זייערע מענער צום בית המדרש און תורה שיעורים — דער מאמר חז״ל שטייט שטענדיג פאר די אויגן פון די מנהלים פון דעם בית חינוך, וואס זיי געפינען אין די הייליגע ווערטער פון

אונזערע חכמים ז״ל א יסוד און אן עיקר חשוב וואס איז א גרויס וויכטיגקייט פאר׳ן חינוך פון מיידלעך. דאס איז דער ענין פון איינפלאנצן אין די טייערע אידישע הערצער די ליבשאפט פון תורה הקדושה, און וויסן די טייערקייט און חשיבות פון תורה וואס זייער גאנצע שטרעבונג און ציל פון לעבן זאל נאר זיין אז זייערע מענער און די קינדער שפעטער זאלן זיין ״בני תורה״.

דער איינציגער וואונטש פון יעדע מיידל זאל נאר זיין אז זי זאל קענען זוכה זיין צו א מאן א בן תורה, א תלמיד חכם, וואס טראגט אויף זיך דער יאך פון תורה וואס זאל שווימען אין ים פון תורה אפילו יארן נאך די חתונה, און אדרבה זיי זאלן מחזק זיין און מיטהעלפן זייערע מענער וואס זענען משתוקק צו שטייגן אין תורה וחסידות, זיי זאלן זיך באגענוגען מיט ווייניגער עולם הזה פארגעניגענס און זיין נאכגעביג אויף איבריגע מותרות כדי נישט שווער צו מאכן אויף זייערע מענער די זארגן פון פרנסה.

דאס דארף מען מיט גרויס חכמה און יגיעה איינפלאנצן שוין יונגערהייט, ווען זיי זענען נאך אין די קלענערע כתות, ס׳זאל איינגעווארצלט ווערן אין זייערע יונגע הערצער.

**ד)** א וויכטיגע און גאר חשוב׳ע ענין וואס ווערט כסדר איבערגע׳חזר׳ט צווישן די ווענט פון דעם געהויבענעם בית חינוך, איז דער ענין פון **״תורת החסידות״**. וואס דער קייט הייבט זיך אן פון בעל שם טוב הק׳ ותלמידיו זי״ע און עס ציט זיך ביי די צדיקי דור ודור ביז צום היינטיגן טאג וואס לויט זייערע אנווייזונגען לעבן מיר היינט — און אלע זייערע באוועגונגען און געשעענישן איז ביי אונז א גאנצע תורה שבעל פה. מיר זענען משפיע און געבן אריין אין די קינדער דער ענין פון תורת החסידות אויף אזא אופן אז זיי זאלן קענען פארשטיין און כאטש אביסל משיג זיין די גרויסקייט פון זייער קדושה וצדקות דורך סיפורי מעשיות, זייערע מנהגים און זייערע הייליגע שמועסן און ווערטער וואס פון דעם אלעם קען מען זען אביסל פון זייער גרויסקייט און זיך אפלערנען פון זייערע געהויבענע מדות בגמילות חסדים, אהבת ישראל,

וכו' וכו' און זייער מסירות נפש פאר אלע ענינים פון תורה און אידישקייט.

אזוי אויך ווערט כסדר גערעדט אויף א ברייטערן אופן וועגן נשים צדקניות פון די פריערדיגע דורות, זייער טייערע הייליגע אויפפירונג, ווי א ביישפיל פאר אונז די רבנית הצדקנית מרת מלכה ע"ה די אשת חבר פון כ"ק מרן רב שר שלום זי"ע, דער ערשטער בעלזער רבי, וואס זי איז געווען באוואוסט און מפורסם מיט איר גרויס צדקות, קדושה און צניעות.

## "ספרי לימוד על טהרת הקודש"

**ה)** א ספעציעלע, און פון די וויכטיגסטע אפטיילונגען פון דעם בית חינוך, איז דער **"מכון להוצאת ספרי חינוך ויהדות"**. עס איז נישט דא די ריכטיגע ווערטער אפצומאלן און אפצושאצן די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דעם אויבנדערמאנטן מכון. מען קען נישט באגרייפן די שוועריגקייטן דערפון אויף אלע געביטן, סיי פיזיש, סיי פינאנצעל וואס די מנהלים פון דעם מוסד האבן גענומען אויף זיך מיט דעם. די איינציגע מטרה דערפון איז צוצוגרייטן די געהעריגע און פאסיגע לערן מאטעריאלן כדי עס זאל נישט צוקומען אז די מיידלעך זאלן לערנען אדער לייענען אפילו איין אות, אן דעם שטרענגען אונטערזיכונג פון די מאטריאל, מען איז מקפיד אז יעדעס אות און ווארט וואס גייט ארויס צו די קינדער, זאל זיך נישט געפינען ח"ו אין איר אזעלכע ענינים וואס אין רוח חכמים נוחה הימנו, אז פון קינדערוויז אן זאל זי נישט זען און לייענען אזעלכע שריפטן און בלעטער וואס איז נישט געשריבן ברוח התורה, נאר פארקערט זיי ווערן געשריבן ספעציעל דורך אזעלכע בעלי חינוך וואס זענען פיל מיט יראת שמים און וואס זענען נישט משנה כקיצו של יו"ד פון דעם וועג וואס מיר האבן מקובל פון אונזערע עלטערן פון אלע דורות.

## הוצאות המכון של ספרי חינוך ויהדות

מיר וועלן נישט דא אויסרעכענען אלע ספרים און לייען-ביכער ווי אנדערע לערן פראגראמען וואס דער מכון האט שוין ארויסגעגעבן און ווי

פיל עס ליגט נאך אינמיטן דער ארבעט, נאר מיר וועלן זיך שטעלן אויף דעם נקודה צו פארשטיין אויף וועלכן גאנג און אויף וואס פאר א יסודות עס איז געבויעט די גרויסע פעולות פון דעם מכון.

עס איז היינט קלאר פאר יעדן אז עס איז נישט דא קיין בעסערע וועגן צו פארטרייבן און פארשטויסן אלע בייזע ווינטן וואס בוזשעווען אין די גאסן ארום זיך אין די היינטיגע צייטן, — נאר דורך אנפולן דעם קאפ, מוח, און נשמה פון אונזערע טעכטער מיט לימודים פון רייכפולע אינהאלטן ס׳זאל ארום נעמען א גרויסן טייל פון די מקצועות התורה אריינצוברענגען אין אונזערע טעכטער א לעבן פון תורה, הלכה, וחסידות, וויפיל מער מען שטופט אריין לימודים וויייניגער קענען די קינדער זען און וויסן פון א לעבן פון אויסגעלאסנקייט וואס עס איז דער שארפסטער קאנטראסט צו א לעבן פון א כשר׳ע אידישע טאכטער, אויף דעם פסוק ״והבור ריק אין בו מים״ זאגן די חז״ל — **מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו,** זאגן אויף דעם די מאורי החסידות: אויב עס איז נישט דא תורה וואס ווערן צוגעגליכן צו מים, ״**בו**״ אין א איד... דעמאלט איז ער פיל מיט ״נחשים ועקרבים״ מיט שלעכטע מחשבות און גאסן השפעות.

די איינציגע וועג היינט צו פארמיידן נחשים ועקרבים איז וואס מער אנצופילן די קינדער׳ס קעפ מיט מאטריאל וואס איז איינשטימיג מיט׳ן רוח התורה ווי עס איז באקאנט אז ״**מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך**״, אביסל ליכטיגקייט שטויסט אוועק אסאך פינסטערניש. יעדע זאך וואס איז נישט לפי רוח התורה והקדושה איז פינסטער לגבי די אמת׳ע ליכטיגקייט.

**1)** א וויכטיגער לימוד וואס די הנהלת המכון האט איינגעפירט, איז דער לימוד פון ״פסקי הלכות״, דינים און הלכות וואס מען דארף צו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, טאג טעגליך, און ווי אזוי מקיים צו זיין און היטן תורה ומצוות.

די הלכות ווערן איינגעטיילט לויט די כיתות, לויט׳ן פארשטאנד פון די תלמידות, און לויט די וויכטיגקייט פון די דינים כסדרם, למשל די

דינים פון השכמת הבוקר, נטילת ידים, קריאת שמע, דיני וסדר תפלות של חול, ברכת הנהנין, ברכת המזון, דברים הנוהגים בסעודה ודרך ארץ בסעודה וכו׳ וכו׳.

אזוי אויך די הלכות וואס איז נוהג צו פארשידענע צייטן אזוי ווי דיני ראש חודש, אלע דינים פון שלש רגלים, תפלות ותקיעות פון ראש השנה און יום כיפור, עניני תשובה לחודש אלול, דיני ד׳ תעניתים, חנוכה, פורים, ארבע פרשיות א.א.וו.

די הלכות פון הכנות לשבת קודש, און דיני שבת קודש, אלע ל״ט מלאכות, און צווישן זיי דעם קונטרס פון ״זכור את יום השבת לקדשו״, וואס ווערט געלערנט אין אלע כתות, לויט זייער מדריגה, יעדן וואך. צו דעם אלעם ווערט צוגעלייגט טעמי ועניני המצוות מיט א שיינע און ברייטע הסברה אויף יעדע הלכה ארייגעפלאכטן מיט עניני מוסר וחסידות פון די ספרי רבותינו הק׳ ותלמידי הבעש״ט זי״ע, און ספעציעל פאר יעדן יום טוב און זמני המאורע ווערט באריכות ארומגערעדט וועגן די גרויסקייט און הייליגקייט פון דעם טאג.

**2)** א געהויבענע לימוד וואס ווערט אנגערופן **״פירוש וביאורי התפלה״** וואס ווערט צוגעגרייט דורך דעם מכון. דאס איז א פירוש אויף די תפלות וואס מיר דאווענען און זאגן טאג טעגליך אנפאנגענדיג פון מודה אני ביז׳ן סוף דאווענען, צום ערשט פשוט, די ריכטיגע מדויק׳דיקע טייטש און אינהאלט פון יעדןווארט און ווארט, דערנאך דער פשט און דער כוונה פון יעדן מזמור און יעדן ברכה פון די תפלות, ארויסגענומען פון אלע ספרי פירושי התפלות, און צו דעם צוגעלייגט די מנהגים און נוסחאות התפלה וואס זענען מקובל ביי רבוה״ק צדיקי בעלזא זי״ע.

אזוי אויך איז באארבעט פירוש וביאורי הגדה של פסח, און אויך די תפלות פון שבת וימים טובים און תפלות מוסף של ר״ה וסדר העבודה של יום הכיפורים וכו׳.

**3)** נאך א וואונדערבארן און אינטערעסאנטן לערן פראגראם וואס איז נאך אין מיטן די ארבעט דורך דעם מכון, ווערט אנגערופן **״תולדות**

**עם ישראל״.** דאס איז אין קורצע ווערטער א גרויסער חלק פון היסטאריע, די זמנים פון בריאת העולם, אבות הקדושים, יציאת מצרים, זמן קבלת התורה, מיט א קלארן לשון צעטיילט די חלקים פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה, מיט דעם סדר הקבלה פון דור צו דור. די ימות משה רבינו ע״ה, דור המדבר, מלחמת ל״א מלכים, אלע מלכי יהודה און מלכי ישראל, און די געשעענישן ארום זיי, זמן בית ראשון ובית שני, בבנינם ובחורבנם, אנשי כנסת הגדולה, ימי החשמונאים וימי מרדכי ואסתר, סדר התנאים ואמוראים, באשרייבונגען איבער די סדרי המשנה ותלמוד בבלי וירושלמי, זמן הגאונים ובעלי תוספות, און אלע פאסירונגען פון די דורות שפעטער ביז צום זמן פון האר״י ז״ל ותלמידיו און דערנאך ווייטער די דורות ביז צום אור שבעת הימים דער בעש״ט הק׳ ותלמידיו ותלמידי תלמידיו, און די גאנצע באוועגונג פון חסידות און איר באשרייבונג ביז אונזער דור. דאס אלעס איז צוגעגרייט מיט א שיינעם, גרינגן און זייער אינטערעסאנטער שפראך, מיט ערציילונגען וואס ציט די תלמידה זי זאל וועלן וויסן און פארשטיין. דער תכלית פון דעם ענין איז צוצוקומען צו די ריינע אמונה בד׳ און אמונת חכמים, און זיך ארויסלערנען פון די מעשיהם הטובים פון די אבות הק׳ און פון די צדיקים פון אלע זמנים, ולהגדיל תורה ולהאדירה.

**4)** אן ארויסשטייענדיגער וואונדערבארער ווערק וועלכעס איז ממש א יחיד במינו, דאס איז דער סעריע פון די ספרי לימוד על פרשת השבוע, מיט פירושים אויף יעדע איינציגע פרשה. דאס איז צוזאמענגעשטעלט געווארן דורך גאר גרויסע מומחים און יודעי ספר א הערליכער צוזאמענפלעכט פון לשון הקודש מיט אידיש מיט א ריינע און קלארע שפראך, פארשטענדלעך פאר יעדן בת בי רב.

ווי באקאנט — ווילן מיר דא דערמאנען — די הקפדה און אזהרה וואס מיר האבן מקובל פון אונזערע הייליגע צדיקים פון בעלזא זצ״ל — נישט צו לערנען מיט מיידלעך תורה שבכתב — תנ״ך — אינעווייניג אין די חומשים אדער די ספרי נביאים וכתובים, ממילא צוליב דעם אנזאג האבן מיר געדארפט זוכן א וועג אויף אן היתר׳דיגן אופן. צוליב דעם נעמט מען די ראשי הפרקים פון יעדע פרשה ופרשה מיט דעם לשון פון

תנ״ך און אויף דעם גייט אזוי ווי אן אויספיר צוזאמענגענומען דעם פי׳ רש״י ז״ל מיט די אנדערע מפרשי התורה און אויך א חלק פון מדרשי חז״ל וואס איז וויכטיג אויפ׳ן פלאץ, מיט א שיינעם אויסגעארבעטן אייגענעם שפראך איינגעטיילט לויט די פרשיות התנ״ך, פון דעם לערנען די תלמידות און זיי ווערן באקאנט מיט אלע ענינים און דינים פון די תורה און פון נביאים וכתובים, צוזאמען מיט דעם פירוש און דרשות חז״ל אויף דעם פסוק און פרשה.

אויסער דעם איז אויך דא א ביאור רחב וואס נעמט ארום די גאנצע פרשה די מאורעות און סיפורים דערפון מיט א שיינעם אידישן שפראך וואס ווערט איינגעטיילט לויט די פרשת השבוע, וואס ווערט צעטיילט וואך ביי וואך פאר די אלע כיתות, איעדע באזונדער לויט זייער מדרגה און פארשטאנד. אויך ווערט אנגעצייכענט אויף די לימודי פרשיות השבוע די פונקטן פון מוסר ויראת שמים ומדות טובות וואס ווערט ארויסגעלערנט פון איעדן פאסירונג אין תנ״ך, עס ווערט איבערגעגעבן פאר יעדער כתה לויט זייער מדרגה וואס פאדערט זיך, וואס פון דעם ווערט ארויס געלערענט דער דרך ד׳ פון די הייליגע ווערטער פון תנ״ך וואס יעדעס אות קען מען לערנען בדרך פרד״ס און ארויסנעמען וואס איז נוגע צו מוסר און אהבת ד׳ וחביבות התורה און די עיקרי היסודות החינוך לבנות.

## ספרי קריאה בלשון הקודש ואידיש לבנות

**5)** מיט א זיכערן און צופרידענעם געמיט קענען מיר ב״ה מיטטיילן דעם געוואלדיגן אויפטו און אונטערנעמונג וואס דער **״מכון״** באווייזט מיט דעם ענין פון ארויסגעבן ״לייען ביכער״ וואס זיי שטייען ברום המעלות קעגן אנדערע לייען ביכער וואס האבן ערשינט אין דעם קאנטינענט ביז׳ן היינטיגן טאג! זיי צייכענען זיך אויס מיט אן אינהאלט פון אמת׳דיגע און מקורות׳דיגע סיפורי מעשיות פון גאונים און צדיקים, יעדער סיפור פאר זיך איז קאמבאנירט פון מוסר, חסידות, צדקות, און בתוכם א לימוד אדער א פירוש אויף א פסוק פון תנ״ך, אדער אויף

מדרשי חז״ל, אדער אויף אן הלכה פון שו״ע, מיט א שיינעם הערליכן אידישן שפראך איז דאס געשריבן וואס דאס דינט אויך אלס דעם לימוד פון אידיש לייענען און שרייבן, איעדע כתה לויט איר מדרגה.

זה שמו נאה לו — די אלע וואס זעען און באטראכטן דעם תורה׳דיגען רייכנספולע ביכלעך זאגן עדות אז דער נאמען זייערע **״דער וועג פון תורה און חסידות״** איז כשמו כן הוא און דאס איז טאקע דער ריכטיגער וועג פון אריינפלאנצן חסידות מיט יר״ש אין די הערצער פון די יונגע מיידלעך דורך די שיינע מעשיות פון צדיקים תלמידי הבעש״ט זי״ע וואס איז איינגעזאפט מיט א געוואלדיגן תוכן, און ב״ה די ביכלעך זענען נתקבל געווארן בכל תפוצות ישראל און ווערן גענוצט אין רוב מוסדות בית חינוך חרדיות לבנות בארה״ב.

אזוי אויך ליגט אין ״מכון״ אין די ארבייט א ספר קריאה בלשון הקודש מיט קורצע שיינע מעשיות און באשרייבונגען פון גדולי וקדושי ישראל, וואס אויך דא איז דער מטרה דערפון כדי צוצוגעוואוינען די מיידלעך אין די העכערע קלאסן צו לייענען און לערנען אין ספרי לשון הקודש וואס זייערע ספרים זענען נמצא לרוב אן א שיעור, און כדי דורכדעם בעז״ה זיי צו דערווייטערן פון לייענען ספרי חול וואס זענען געצילט אויף אריינצוברענגען אין די נשמות אלע חיי והבלי עוה״ז, ווי מיר האבן שוין דערמאנט אין די פריערדיגע קאפיטלעך, און דורך די ספרי קריאה בלשון הקודש וועלן זיי אי״ה באקומען א חשק ותענוג צו לייענען און לערנען נאר דברים שבקדושה.

**טוב אחרית דבר!** צום ענדע פון אונזער לענגליכע באשרייבונג פון די גרויסע טעטיגקייטן פון דעם מוסד הק׳, וועלן מיר מסיים זיין מיט א שלוס ווארט פון אונזער גאר חשוב׳ער איבערגעגעבענער מנהל **הרב נחום קליין שליט״א,** ווי ער שילדערט די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דעם מוסד לגבי חינוך הבנות פאר טעכטער פון אנשי שלומינו וואס שיצן זיך אונטער דעם זעלבן דגל החסידות און האלטן זיך בדעה אחת ובעצה אחת לפי הוראת רבותינו הקדושים מבעלזא — אבער גלייכצייטיג בעט ער זיך און פארלאנגט די הילף ביי אייך די עלטערן פון די דאזיגע

טייערע יונגע נשמות — אז טראָץ די אַלע מעלות און די גרויסע אויפטועכצער פון דעם מוסד מיט זייערע מנהלים, מדריכות און לערערינס וואָס געבן זיך אוועק בגוף ונפש פאַר אייערע קינדער, ווי איר האָט דאָ געלייענט אין די באַשרייבונג פון די הנהלת "וועד הרוחני", זאָלט איר נישט מיינען אַז איר האָט יוצא געווען אייער פליכט פון מצות חינוך מיטדעם וואָס איר האָט אריינגעגעבן דעם קינד אין מוסד אריין און זיך פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף די פערסאָנאַליטעט פון דעם מוסד אַז במשך פון די יאָרן ווען זיי הייבן אָן שולע ביז זיי ענדיגן די שולע קלאַסן וועלן זיי אַרויסקומען אַ כלי שלימה און איר זאָלט אייך מעלים עין זיין פון זיי און גאָרנישט זאָרגן פאַר זיי אין זייער איכות פון לימוד און הנהגה יום יומית — ניין! — דאָס גייט נישט אַזוי — זאָלט איר וויסן אַ כלל דער מוסד פירט נאָר אויס זייער שליחות ווען איר זענט טאַקע דער ריכטיגער משלח, און עס איז דאָ די חזקה פון שליח עושה שליחותו, ד.ה. אַז דער מוסד איז אייער שליח אויסצופירן וואָס איר האָט אָנגעפאַנגען און איר קענט נישט אַליינס אויספירן, העלפט אייך צו דער מוסד מיט דעם געהילף זייערע פאַר אייך צוצוענדיגן עס זאָל זיין בשלימות, אָבער דאָרט ווי דאָס קינד איז נאָר אַ משלחת ויוצאת און אַ משלחת וחוזרת, ד.ה. עס גייט פון זיך אַליין און עס קומט פון זיך אַליינס און אַזוי ווי עס איז געגאַנגען אַזוי קומט דאָס — אין קלאָרערע דיבורים — אַז די עלטערן לייגן נישט קיין געוויכט אויף דאָס קינד טאָג טעגליך וואָס זי האָט זיך משלים געווען דעם טאָג און וואָס פאַר אַ חברותא זי האָט געלערנט און מיט וואָס זי האָט זיך אָנגעטשעפּעט היינטיגן טאָג און אויף דעם אופן גייט אויך דאָסקינד אין שולע וויסענדיג אַז דער טאַטע און מאַמע גייט ממילא נישט אָן וואָס איך טוה דאָרט, צי לערן איך צי זיץ איך מיט דרך ארץ פאַר די לערערינס, צי פיר איך זיך בצניעות אין אַלע ענינים, הן ביים עסן, הן ביים גיין אין גאַס, הן ביים רעדן, מיט ווּעמען, און ווי אַזוי, וכדומה, וואָס מען קען נישט אַלס אויסרעכענען, דעמאָלט זאָל מען וויסן קלאָר אַז מען האָט נישט יוצא געווען מצות חינוך ווייל אויף אַזאַ אופן איז דער מוסד בכלל נישט אייער שליח און איז נישט מחויב אויסצופירן זייער שליחות.

מענין לענין באותו ענין האט דער חשוב'ער מנהל נ"י צוגעברענגט וועגן דעם ענין פון חינוך הבנים א חלק פון דעם הייליגן שלש סעודות תורה וואס ער האט געהאט די זכיה צו הערן פון **כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א** ווען ער איז געוועזן אין אר"י לקבל פני רבו הק' בשבת חנוכה אין דעם יאר תשמ"ב לפ"ק, וואס צווישן די הייליגע דיבורים האט מרן שליט"א שטארק מעורר געווען וועגן קביעת עתים לתורה און שמירת המצוות כהלכתה, אז אנדעם וואס די קינדער זעען ביים טאטן ווי ער לערנט תורה יעדן טאג און פירט זיך אויף על פי תורה, איז נישט מעגליך צו מחנך צו זיין די ב"ב און די קינדער צו אהבת תורה ויר"ש, ווי עס האט פאסירט אמאל א מעשה ביים זיידן דער פריערדיגער בעלזער רב זצ"ל איז געקומען א איד און געבעטן ביים רבי'ן אן עצה, וויאזוי אריינצוברענגען אין די קינדער'ס הערצער חשק און ליבשאפט צו לערנען תורה בהתמדה, האט דער זיידע זצ"ל זיך אנגערופן און געפרעגט, און וואס איז מיט דיר, ביזטו יא עוסק בתורה?! איז וויאזוי דען ווילסטו אז דיינע קינדער זאלן האבן אהבת תורה ווען זיי זעען נישט דעם טאטן זיצן און לערנען, אין פסוק פון קריאת שמע שטייט דאך "ולמדתם אתם את בניכם" אז קודם זאל זיין ולמדתם (אתם) [אתֶם] איר זאלט אליינס קודם לערנען און נאכדעם "את בניכם" קענט איר לערנען מיט אייערע קינדער און אין זיי אריינברענגען אהבת תורה ויר"ש, און צום סוף קומט אויס אז מען האט טענות אויף די מנהלים, די מלמדים, מגידי שיעורים און די משגיחים א.א.וו. וועגן זייערע קינדער, און זיי זעען נישט איין אז דער פעלער איז גאר ביי זיי אליין, דורכדעם וואס ער אליין לערנט נישט קיין תורה איעדן טאג און פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף זיין און פון דעם לערנען זיך אויס די קינדער נאכצומאכן ווי ער איז.

און לפי דרכו בקודש האט מרן שליט"א צוגעברענגט דעם מאמר חז"ל אין מס' שבת **"הרגיל בנר הווין ליה בנים תלמידי חכמים"**, אז דער וואס איז מהדר זאל זיין שיינע ליכט וועט האבן קינדער תלמידי חכמים, אז כאטש מיר ווייסן דאך די הלכה אז ביי חנוכה לעכט מעג מען אנצינדן מיט אזעלכע קנויטן און בוימאייל וואס סתם א שבת מעג מען נישט אנצינדן ווייל זיי ברענען נישט גוט האב איך מורא אז מען וועט

קענען צוקומען צו א חילול שבת ,אבער חנוכה מעג מען יא אנצינדן מיט זיי סיי וואכענטאג און סיי שבת, [ווייל מען מעג דאך ממילא נישט משתמש זיין מיט די חנוכה ליכט], אבער וואס פאר א פנים האט שוין די לעכטלעך וואס מען האט אנגעצינדן מיט די געמיינע קנייטן און בוימאייל, ערשטנס צינד זיך עס אן זייער שווער, און ווען עס האט זיך שוין יא אנגעצינדן לעשט זיך עס גלייך אויס, **"אך און וויי פאר די ליכטלעך"**, אבער אויב מען צינדט אן מיט שיינע קנויטלעך און פיינע בוימאייל, ברענען דאך די לעכטלעך מיט פיל פראכט און שיינקייט **"עס איז א מחיה צו קוקן אויף זיי"** און וויפיל מער שמן מען וועט צולייגן צום ליכטל, לענגער וועט עס ברענען, און די פייער וועט שיין און גוט לייכטן, און דאס איז דער פשט "הרגיל בנר הוין ליה בנים תלמידי חכמים" אז פונקט ווי ביי די נרות ווי בעסער און ווי מער שמן מען לייגט אריין אלץ בעסער און לענגער ברענט דאס, אזוי אויך ביי חנוך הבנים [וואס זיי זענען צוגעגליכן צו פתילות ושמנים] ווי מער מען לייגט אריין אין די טייערע קינדער אלץ מער און שענער לייכטן זיי ביז "הווין ליה בנים תלמידי חכמים". עד כאן א טייל פון די הייליגע דיבורים **וואס איז געזאגט געווארן בסעודת ס"ג פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.**

און מיט דעם וועלן מיר ענדיגן, מיט א הייסע תפלה צו שמו יתברך אז מיר זאלן זוכה זיין לפעול ולהפעיל ביתר שאת וביתר עוז צו מחנך זיין דורות פון נשים צדקניות וואס זאלן אויפבויען דעם בית ישראל ועם ד', און ווייטער ציען אונזער ירושה פון דורי דורות מיט שטאלץ און זיכערקייט אין **"דער וועג פון תורה און חסידות"** לויט די אנווייזונגען פון רבותינו הקדושים מבעלזא זי"ע, און די קדושה וצניעות פון די ערשטע רבנית הצדיקנית מלכה ע"ה זאל זיין פאר א וועג ווייזערין, און נאך איר שיין און לעכטיגקייט זאלן נתחנך ווערן די בנות בעלזא הכשרות, און אויף דעם וועג וואס **כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א** לערנט און ווייזט אונז, וואס זיין שטענדיגע זארג איז אונזער הצלחה און געדענקט אונז תמיד און מתפלל פאר אונז אז מיר די מנהלים און מדריכות און אויך די תלמידות זאלן זיין די זרע ברוכי ד', וואס כ"ק

אדמו"ר זצוקל"ה זי"ע האט געזאגט און אנגעוואונטשן, "אז מיר זאלן זען צוגרייטן א דור וואס זאל זיך נישט שעמען אקעגן צו גיין פני משיח צדקינו במהרה בימינו אמן".

ת.ו.ש.ל.ב.ע.

ערש"ק לסדר "**המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים ויקרא בהם שמי ושם אבותי**" וגו' תשמ"ב לפ"ק פה ניו יארק יצ"ו.



כ"ק מרן שליט"א ביי א באזוך אין בית חינוך תשמ"א, דערנעבן דער מנהל הרב נחום קליין

# דברי אלוקים חיים

**וואס כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט געזאגט ביי דעם באזוך אין בנין פון אונזער בית חינוך "בנות ירושלים דחסידי בעלזא"**

אדר תשמ"א

**לחיים, לחיים, לחיים טובים ולשלום,** ס'איז ביי מיר א גרויסע שמחה אין א זכיה צי זיין דא אין דעם בנין ווי מ'איז מגדל און מחנך אידישע קינדער לאהבת תורה, יראת שמים, און חסידות.

יעדער איינער ווייסט דאך אז די טאג זענען גרויסע זמנים ימי הפורים און ימי הפסח.

אין מסכת מגילה (דף ד') שטייט: הכל חייבים בקריאת המגילה אחד אנשים ואחד נשים וכו', אין נאך זעען מיר, אז די מגילה הייסט נישט מגילת מרדכי אדער מגילת אחשורוש נאר **מגילת אסתר,** דער פשט פון דעם איז: ווייל אסתר האט ארויס געוויזן א גרויס מסירת נפש צו ראטעווען כלל ישראל.

אויך טרעפן מיר ביי "יציאת מצרים" ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים: בזכות נשים צדקניות נגאלו ישראל ממצרים. זאגן חז"ל (סוטה י"א:) חאטש וואס משה רבינו, אהרן הכהן, און זקני ישראל, יהושע בן נון, זענען געווען אין מצרים, אעפ"כ זאגט די גמרא: בזכות נשים צדקניות נגאלו ישראל ממצרים.

באמת איז נישט דער פשט פון די גמרא אז **נאר** אין זייער זכות איז מען אויסגעלייזט געווארן, נאר בזכות נשים צדקניות האבן זיך אידען געהאלטן אין דער אמונה און זיך נישט מייאש געווען, ממילא איז זייער **זכות** ביי געשטאנען די אידען זאלן קענען ארויס גיין פון מצרים.

עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט געזאגט פאר פרעה: **"בנערינו ובזקנינו נלך בבנינו ובבנותינו כי חג ה' לנו".** דער פעטער זצ"ל [מרן מהר"א זי"ע] האט געזאגט אז אין די תורה טרעפט מען שטענדיג קודם בזקנינו אין דערנאך בנערינו, און דא שטייט קודם בנערינו, די יונגע קינדער, און דערנאך ובזקננו, די אלטע לייט.

נאר דער פשט אין פסוק איז: דער עיקר קיום פון כלל ישראל הייבט זיך אהן ביי די קינדער — בנערינו, אז מען וויל פייערן א יום טוב א פייער־טאג פארן באשפער אָן די צעירי הצאן־יייגנד, נאר מיט "הזקנים" האט עס נישט קיין חשיבות אין קיין ווערד, נאר מיט "הנערים" קענען מיר זיך פרייען אין מיט גיין "בנערינו ובזקנינו נלך", כי חג ה' לנו — דאס אליין איז פאר אונז א יום טוב, נישט נאר אז מען גייט דינען דעם באשפער אין מקריב זיין קרבנות, נאר אז מען גייט "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו" דאס איז: כי חג ה' לנו — פאר אונז א יום טוב.

**אז איך קום דא אהער, און איך זע ב"ה ס'איז "בנערינו ובזקנינו נלך בבנינו ובבנותינו" איז ביי מיר דעם טאג א יום טוב.**

דער אויבישטער זאל העלפן און שיקן סייעתא דשמיא און כוחות מען זאל קענען מגדל זיין און מחנך זיין די הייליגע דורות אויף אונזער וועג אויפען בעלזער דרך, אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע הייליגע עלטערן אונזערע הייליגע רבייס, השי"ת זאל ממלא זיין משאלות לבכם לטובה, מיט געזונט און נחת מיט אלעם גוטען, וכימי צאתינו מארץ מצרים יראינו נפלאות ונזכה לגאולה שלימה במהרה אמן.

דערנאך האט כ"ק מרן שליט"א געטיילט לעקעך אין בראנפין פאר דעם עולם, און פאר די עסקנים, און האט באזוכט אין דעם בנין, און אריין אין די קלאסן און געוואונטשן א גרויס הצלחה און קיינער זאל אייך נישט קענען שלעכטס טוהן.

# ״נס הצלה״

צענויפגעשטעלט דורך איינע פון די מחנכות

**בעלזא, דער נאמען וואס באלייכט די הערצער פון טויזענטער אידן**
**בעלזא, דער נאמען וואס ערוועקט א געפיל פון הייליגקייט**
**בעלזא, דאס שטעטל וואס האט אויפגעהאלטן די זיילן פון די וועלט,**
**די געטרייע פאסטאכער פון די צאן קדשים**

* * *

**הער אויס, מיין קינד,**
**וואס איך וועל פארציילן אצינד.**
**ווייסטו ווער דער בעלזער רבי ר׳ אהרן איז געווען,**
**און וואס פאר א נסים זענען צו אים געשען?**

**פארצייל מיר טאטע, איך בעט דיר זייער,**
**דיינע ווערטער זענען אזוי חשוב און טייער.**

**מיט כבוד און מורא אין הארץ וואס טוט ציטערן,**
**וועל איך אביסל פון זיין לעבן אפשילדערן.**
**א ריז צווישן ריזן, א פייערדיגער מלאך,**
**אן עובד ה׳ מנעוריו, א געטרייער פאסטעך.**

**הער מיין קינד וואס מען גייט דא פארציילן,**
**וועסטו דיר קענען מיט מיינע געפילן טיילן.**
**אין יאר תר״מ איז דאס געווען,**
**ווען א לעכטיג שטערן האט זיך פלוצים דערזען.**
**דער צדיק רבי אהרן איז אויף דער וועלט געקומען,**
**די וועלט האט א טייערן דיאמאנט געוואונען.**
**דאס קינד ליגט אין וויגל, ס׳קומט אריין באזוכן,**
**דער גרויסער זיידע, דער טאטע פון רבי ישכר דוב,**
**כדי אנצוואונטשן די רעביצין א מזל טוב,**

האט זיך די רעביצין צו אים אנגערופן.
זעסטו ווי ס'הערשט א גרויסע ליכטיגקייט,
וואס לייכט פון איין עק שטוב צו די אנדערע זייט?!
זאגט צו איר דער טאטע, בעסער נישט צו פארציילן,
אפילו אויב מווייסט עפעס, דארף מען אמאל שווייגן!

דאס קינד וואקסט אויף, אין לערנען טוט זיך פלייסן,
געדענקט יעדע זאך, א קאפ פון אייזן.
פארדעקט זיין גרויסקייט, דינט דעם באשעפער באהאלטן,
גיט אוועק דאס לעצטע ביסל פאר'ן ארימאן, ער קען ביי זיך גארנישט האלטן.

* * *

די זון שיינט אויף, די זון גייט אונטער,
די חסידים זענען געבליבן ווי פאר'יתומ'טע קינדער.
ס'איז געקומען די צייט לויט'ן הימלדיגן חשבון,
רבי ישכר דוב זי"ע ווערט נפטר כ"ב חשון.
רבי אהרן האט מען געזעצט אויפ'ן כסא הרבנות,
און געפירט די קהילה מיט געטריישאפט און נאמנות.

געבליעט האט דאס שטעטל בעלזא בתורה וחסידות,
אין דעם גרויסן בית המדרש האט מען געלערנט תורה בתמידות.
די יושבים, גרויסע חסידים, די בעלי מעלה,
האבן געהארוועט אין די תורה, יומם ולילה.

יאר תרצ"ט גרויע וואלקענעס באדעקן דעם באדן,
עס שוועבט איבער דער וועלט דעם מלאך המות'ס שאטן.
עס ציטערט יעדעס אידיש הארץ,
דער צוקונפט זעט אויס טונקעל און שווארץ.

עס איז געקומען די מלחמה מיט אירע ביטערע צרות,
די אידן שפירן ווידער דעם פיין פונ'ם גלות.
אנגעהויבן מיט די געלע שטערנס אלס אן ארעמבאנד,

האבן די דייטשן אויפגעהויבן זייער מערדערליכע האנט.
זיי באפאלן די אידן מיט גרויס רציחה,
וויל אויסמעקן דאס אידיש פאלק דורך מאסן הריגה.

אבער דער רבוש״ע פארגעסט נישט זיין פאלק חלילה וחס,
ער פארלאזט נישט אינגאנצן זיינע געטרייע עבדים,
צו די וואס האלטן מיט מסירת נפש דעם אידישן דת,
ווייזט ער צוזאמען מיט דין און עונש אויך רחמים וחסדים.

דאס שטעטל בעלזא מיט איר פולן פראכט,
האט פארלוירן איר גלאנץ איבער נאכט.
געדינט דעם אויבערשטן מיט א הייליגע עבודה,
איכה, וויאזוי איז זי געווארן צו אזא שאנד,
ווען די רשעים האבן אויפגעהויבן זייער בלוטיגען האנט!

ערב ר״ה ס׳האט זיך דערהערט די שמיעה,
די דייטשן גרייטן זיך צו קומען, איז די טרויעריגע ידיעה.
פון ר״ה ביז סוכות, דער רבי פירט אן די הייליגע עבודה,
זיך פארלאזט אויפ׳ן אויבערשט׳ן, דער מציל ופודה.
שמיני עצרת ביינאכט, דער רבי האט די הקפות געפירט,
ווי גרויס איז געווען די קדושה וואס מען האט דעמאלט געשפירט.

געטאנצן געזינגען אזוי שטארק דערהויבן,
דער רבי איז נישט דא, נאר אין די הימלען אויבן.
אינדרויסן איז געווען שרעק, טונקל און מורא,
אין ביהמ״ד האט געהערשט שמחה ואורה.

נאך די הקפות און קידוש האבן די דיינים באפוילן,
ס׳איז פיקוח נפש, מען קען עס נישט פארהוילן.
עס ווערט צעשטערט דעם יום טוב׳דיגן סדר,
דער רבי זאגט ״לאמיר אנטאן די גלות קליידער״

פנה הודה פנה זיוה, ס׳איז אוועק איר שיינקייט און פראכט,

**דער רבי פארלאזט דעם שטעטל יענע נאכט.**
**דעם אנדערן טאג זענען די דייטשן געקומען,**
**זיי האבן אבער דעם צדיק נישט געפונען.**
**געזוכט געגישטערט פאר'ן צדיק איבעראל,**
**דער רבי איז נישטא, געלויבט דעם שומר ישראל.**

**פזמון:**

צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.
מיר הויבן אויף אונזער קול מיט לויב צו דיר,
פאר די פילע נסים אן א שיעור.
אין א יעדע סכנה און צייט באזונדער,
האסטו געוויזן דיינע גרויסע וואונדער.
צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.

**ווען די ווילדע חיות האבן נישט געטראפן זייער קרבן,**
**זענען זיי געגאנגען מאכן פונ'ם ביהמ"ד א חורבן.**
**די שול אונטער געצינדן האבן זיי לאנג פראבירט,**
**אבער צו זייער שטוינונג, ווערט זי נישט רואינירט.**
**ביז זיי האבן געטראפן אן עצה און די אידן געהייסן,**
**שטיין ביי שטיין, ציגל ביי ציגל, די שול אראפרייסן.**

**קיין סקאהל פארט דער רבי מיט די באן,**
**געוואנדערט פון איין שטאט צום צווייטן ביז קיין פרעמישלאן.**
**און דארט ווידער פאנגט זיך אן דאס חסידות צו פארשפרייטן,**
**חסידים קענען זיך פון זייער רבי'ן בשום אופן נישט שיידן.**
**עס פאנגט זיך אן ווידער דעם פריערדיגן סדר,**
**דער רבי פראוועט ווייטער לויט זיין אלטן שטייגער.**

**נישט לאנג האט מען געלעבט אזוי גוט,**
**פרעמישלאן אויך פילט דעם דייטשן ריט.**

**ס'איז געקומען דער טאג, די דייטשן האבן זיך אויפ'ן שול געווארפן,**

אנגעצינדן א פייער, געמאכט פון איר א חורבן.
דעם רבי'נס זון, ר' משה'לע האט מען געווארפן אין די פלאמען,
מקריב געווען על קידש ה' מיט דריי חברים צוזאמען.
ווען מען האט דערציילט דעם רבי'ן די ביטערע בשורה,
האט זיך נישט געוויזן קיין תנועה אויף זיין הייליגע צורה.
הערנדיג ווי זיין זון איז ארויף ווי א קרבן עולה,
האט ער עס מקבל געווען באהבה, גם זו לטובה.
אויסגערופן מיט א ברען, מיט אן התלהבות'דיגן פייער,
"ב"ה איך האב אויך געגעבן א קרבן צו שטייער".

צו דעם אנפאנג פון די "הצלה" איז געקומען די צייט,
נאך פיל ארבעט מיט מסירת נפש איז אלעס געווען גרייט.
צוזאמען מיט זיין ברודער, דער בולגרייער רב זצ"ל לויט'ן פלאן,
איז דער רבי אנטלאפן פון שטעטל, פרעמישלאן.
נישט געפינען קיין רוה, פון איין ארט צום אנדערן,
נע ונד אין גלות געדארפט צו וואנדערן.

אין קראקא איז געווען א איד וואס האט פון אידישקייט פארגעסן,
געארבעט האט ער פלייסיג פאר די דייטשע אינטערעסן.
ווען דער רבי מיט'ן ברודער זענען דארט אנגעקומען,
האט ער פרישע סחורה אין זיין האנט אריינבאקומען.
גע'מסר'ט פאר די דייטשן אזוי פרום און ערליך,
דער רבי ליגט אין א סכנה, דער מצב איז געפערליך...

די ביטערע וואסער ווערט אבער באלד זיס,
דער רבי רופט דעם מלשין צו כאפן מיט אים א שמועס.
ס'איז ווייניג צו זאגן ער איז ארויס פון רבי'ן אנטציגט,
דער כח הקדושה האט דעם כח הטומאה באזיגט.

דער איד איז געווארן אן אמת'ער בעל תשובה,
און ס'איז נאך ארויסגעקומען פון דעם א ישועה.
פאר'ן רבי'ן און בולגרייער רב האט ער סערטיפיקאטן פארשאפט,

**זיי זענען געבליבן אין געטא, מען האט נישט גענומען פון זיי קיין אכט.**

**דער געטא באכניא איז געווען פארצוימט מיט א מויער,**
**שומרים האבן געהיט, נישט געלאזט ארויס פון טויער.**
**דער רבי מיט'ן ברודער אנטלויפן צו דעם ארט,**
**און ווערן איינגעשפארט אזוי ווי די אנדערע אידן דארט.**
**דער מצב ווערט ערגער, מען מוז זיי מציל זיין,**
**חסידים ארבעטן שווער ביז זיי ארבעטן אויס א פלאן.**

**אינמיט'ן די נאכט האט מען דעם מויער איינגעבראכן,**
**און ביידע זענען שטילערהייט פון געטא אנטלאפן.**
**אבער דא שטעלט זיך א גרויסער פראבלעם,**
**די דייטשן טארן נישט געוואויר ווערן וועגן דעם.**
**ווי באלד זיי וועלן הערן זיי געפינען זיך אויפ'ן וועג,**
**וועט זיך אנהויבן א גרויס זוכעניש און געיעג.**
**באלד אבער האט מען אן עצה אויסגעטראכט,**
**און א איד זעצט זיך אוועק און האט דעם רבי'ן נאכגעמאכט.**
**געלערנט, געשאקלט אין א טלית איינגעהילט,**
**געפאפט די רשעים, זיי אינגאנצן אויסגעשפילט.**

**פזמון:**

צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.
מיר הויבן אויף אונזער קול מיט לויב צו דיר,
פאר די פילע נסים אן א שיעור.
אין א יעדע סכנה און צייט באזונדער,
האסטו געוויזן דיינע גרויסע וואונדער.
צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.

**דער טאג פון אנטלויפן, די זון האט געשיינט,**
**א קלארן העלן טאג, א גליק פאר די פיינט.**
**אבער פלוצלינג פאלט א רעגן, וואלקנס ווערן צעזייט,**
**און באשיצט האט א וואלקן וואס האט זיך אויפ'ן קאר אויסגעשפרייט.**

אינמיטן וועג, דער גוי'אישער פירער טוט א שטות,
צו פארלאזן דעם קאר בעט ער רשות.
ער לאזט אלעס איבער און איז אין געשעפט אריין,
צו קויפן א געטראנק און עפעס טועם זיין.
געלאזט שטיין האט ער דעם קאר,
און א פלאץ פון גרעסטע געפאר.
ס'גייט אריבער א האלבע שעה,
דער פירער איז נאך אלץ נישט דא.

דאס הארץ פאנגט אן צו קלאפן,
יעדע מינוט קען מען זיי דאך כאפן.
נאך א פאר שעה קומט ער ענדליך אן,
און פארציילט וואס מיט אים האט זיך אפגעטאן.

וויסנדיג אז די סכנה איז אזוי גרויס,
איז ער נאך א פאר מינוט'ן פון געשעפט ארויס.
אבער א פחד און שרעק האט אים אנגענומען,
ער קען דעם קאר בשום אופן נישט געפונען.
געזוכט האט ער אזוי, עטליכע שעות,
ביז ער האט געקלערט, ער מאכט נישט קיין טעות.
מסתמא האט די פאליציי דעם קאר דערזען,
ער וויל נישט טראכטן וואס דא איז געשען.

פלוצלינג דערזעט ער פון קאר א שטיקל פארעם,
ער טאפט מיט די הענט ביז זי איז אנטפלעקט געווארן.
יעצט ווייסט ער פארוואס ער האט זי נישט געפונען ביז איצט,
טונקעלע וואלקענס האבן פארדעקט און איר געשיצט.

צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.
מיר הויבן אויף אונזער קול מיט לויב צו דיר,
פאר די פילע נסים אן א שיעור.

אין א יעדע סכנה און צייט באזונדער,
האסטו געוויזן דיינע גרויסע וואונדער.
צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.

**שווער האבן די חסידים געארבעט ביז מען האט זיי געגעבן,**
**פאספארטן וואס זיי האבן מיטגענומען אין אלע זייערע וועגן.**
**מיט די פאספארטן האבן זיי געקענט גיין גאנץ פריי,**
**נאר איין פעלער איז געווען דערביי.**
**די בילדער זענען אינגאנצן פאלש געווען,**
**גאר אנדערשט ווי די ברודערס האבן אויסגעזען.**
**טראצדעם וואס ס'האט אזוי שטארק נישט געקלאפט,**
**דאך האט מען נישט באמערקט און זיי נישט געכאפט.**

**נאר איינמאל ביים גרענעץ ווערט די פאליציי געוואויר,**
**דער גאנצער ענין איז גארנישט קלאר.**
**די מענטשן און פאספארטן זענען נישט פאסיג,**
**ס'איז נישט כשר, ס'איז נישט גלאטיג.**

**פלוצים זענען ערשינען אפיצירן דריי,**
**געהייסן מען זאל די מענטשן לאזן פריי.**
**אלעס איז כשר, אלעס איז פיין,**
**זיי קענען זייער וועג ממשיך זיין.**

**די דריי זענען געווען, טוועט דער בולגרייער רבי דערציילן,**
**נישט קיין אנדערע, נאר די צדיקים די זיילן.**
**רבי שלום, רבי יהושע, רבי ישכר דוב זכותם יגן עלינו,**
**זענען געשיקט געווארן פונ'ם בורא, ברוך אלקנו.**

צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.
מיר הויבן אויף אונזער קול מיט לויב צו דיר,
פאר די פילע נסים אן א שיעור.
אין א יעדע סכנה און צייט באזונדער,

האסטו געוויזן דיינע גרויסע וואונדער.
צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.

**דער רבוש״ע פארלאזט נישט זיינע אידישע קינדער,**
**הערט נאר ווייטער זיינע גרויסע וואונדער.**
**פארנדיג ווייטער האט זיך נאך א צרה אנגעטראפן,**
**דער קאר קען נישט פארן, זי האט זיך צעבראכן.**
**עטליכע שעות האט מען זיך לאנג געפלאגט,**
**מ׳קען עס נישט פאררעכטן, מ׳האט זיך שיעור נישט אנטזאגט.**

**דער וועג איז מיט די דייטשן געווען אנגעפילט,**
**זיי האבן זיך ממש מיט פייער געשפילט.**
**דער פירער האט קיין שום אויסוועג געזען,**
**און האט די צרה ביים רבי׳ן מזכיר געווען.**

**פלוצלונג ערשיינט א זקן און זאגט זיי מוסר,**
**צו שטיין אין אזא פלאץ איז ממש אן איסור.**
**דער זקן גיט א פרעג,**
**פארוואס זיי שטייען אין וועג.**
**זאגן זיי, צו פארן איז נישט מעגלעך,**
**פשוט, ס׳רירן זיך נישט די רעדלעך.**
**דער אלטער גיט א דריי אהער און אהין,**
**ס׳גייען אדורך עטליכע מינוטן,**
**ער האט פארראכטן דעם מאשין,**
**און דער קאר האט שוין גארנישט געליטן.**

**נאך ווארעמע ברכות פאר׳ן העלפן אזוי געטרייע,**
**ווערט דער זקן פלוצים פארשוואונדן פון זיי.**

צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.
מיר הויבן אויף אונזער קול מיט לויב צו דיר,
פאר די פילע נסים אן א שיעור.

אין א יעדע סכנה און צייט באזונדער,
האסטו געוויזן דיינע גרויסע וואונדער.
צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.

**אויסגעמאטערט פונ׳ם וועג, מיד און צעבראכן,**
**איז דער רבי מיט׳ן בולגרייער רב געקומען קיין פעסט,**
**די אונגארישע אידן האבן זיך מיט שמחה געראכטן,**
**אויפצועמען אזעלכע הייליגע, און חשוב׳ע געסט.**

**דארט האבן זיי געארבעט און גערודערט,**
**צו ראטעווען זייערע אומגליקליכע ברודער,**
**א ״ועד הצלה״ האבן זיי אויפגעשטעלט,**
**און געראטעוועט פיל אידן מיט גרויסע סומעס געלט.**

**ס׳קומט אן יאר תש״ד ערב ראש השנה,**
**דער רבי באקומט פון שטאט אן הזמנה.**
**דער איינלאדונג איז געווען גאנץ אפיציעל,**
**זיך צו שטעלן פאר׳ן הערשאפט, איז געווען דער באפעל.**

**מען דארף נישט פארציילן אסאך,**
**ווי פאר די חסידים איז דאס געווען א קראך.**
**דאך פירט דער רבי די עבודה אין זיין הייליגן וועג,**
**אזוי ווי עס פלעגט זיין אין די פריערדיגע טעג.**

**מוצאי יו״ט דער רבי געגאנגען,**
**אזוי ווי די הערשאפט האט געטון פארלאנגען,**

**נאך זיין צוריקקומען מודיע געווען האט ער,**
**אז קיין ארץ ישראל צו פארן איז זיין באגער.**

**די חסידים האבן זיך דערוואוסט נאך א צייט, נישט לאנג,**
**פארוואס דער רבי האט זיך געמוזט שטעלן פאר׳ן אנשטאלט,**
**די אונגארישע מלוכה האט באקומען א פארלאנג,**

איז געווען פון דעם געשפּרעך דעם אינהאַלט.
דער רבי מיט 500 אידן האָבן די דייטשן געבעטן,
זאָל מען צוריק אין זייערע הענט איבערגעבן.
דער אָפיציר פאַרציילט דאָס אין אַ סוד'פולן אופן,
און האָט נאָך געהאָלפן דעם רבי'ן פון דאָרט צו אַנטלויפן.

אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל, דריי טעג גייען פאַרביי,
זיי קומען אָן אין לאַנד טערקיי.
דער טערקייאישער גרענעץ איז דאָס לעצטע אָרט,
וואו די נאַציס האָבן נאָך געהאַט דאָס וואָרט.

ס'איז ערב שבת, מען איז מקבל שבת מיט מנין,
פיל מיט שירות ותשבחות צום בורא עולם בקנין.
אויסגעטון דעם מאַסק, אויפגעדעקט דעם אידישן צורה,
געזינגען מיט התלהבות לויב און שירה.
הודו לה' כי טוב ס'האָט זיך געהערט אַ געזאַנג,
צום קה רבון עלם, ווערטער פון לויב און דאַנק.

נאָך עטליכע טעג די דערהויבענע מינוט איז דאָ,
זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל אין אַ מזל'דיגע שעה.
נאָך אַזוי פיל וואונדערליכע ניסים אָן אַ צאָל,
דער רבי מיט'ן בילגרייער רב זענען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל.

דאָנערשטאָג ט' שבט תש"ד די יאָר,
די שמחה איז געווען גרויס ביז גאָר.
יעדעס אידיש הארץ האָט זיך געפרייט,
פאַר בעלזער חסידים איז דער טאָג פון גאָר אַ גרויס באַדייט.

די שמחה וואָס האָט געהערטש ווער קען דערציילן,
ס'זענען אָנגעקומען אין לאַנד די צוויי תורה זיילן.
פון איבעראַל איז מען געלאָפן מקבל פנים זיין,
די ליכטיגקייט פון די וועלט איר פּראַכט און שיין.

קודם קיין חיפה, נאכדעם קיין ירושלים זענען זיי אנגעקומען,
חסידים, אנשי מעשה האבן זיי מיט כבוד אנגענומען.
איבעראל איז געווארן שמחה ואורה,
ס'איז אנגעקומען דער רבן של ישראל, דער ראש בני הגולה.
דער רבי האט אויפסניי ממשיך געווען די קהילה צו פירן,
דעם רבין'ס אנוועזענהייט האט מען באלד געקענט שפירן.
געטרייסט צעבראכענע הערצער מיט זיין גרויס אהבת ישראל,
צוריק געצויגן צום מקור האט ער אידן אן א צאל.
דער בעלזער הויף האט צוריק באקומען דעם גלאנץ און פראכט,
אידן פלעגן שטראמען בייטאג און ביינאכט.

דער רבי האט מחזק געווען דאס אידישקייט, און ערליך דור אנגעזייט,
דעם דרך אויף ווייטער האט ער פארגעברייט.
געבויט ישיבות, מוסדות התורה אויפגעשטעלט,
און פארשפרייט דאס חסידות איבער די גאנצע וועלט.

ס'איז ב"ה נישט צעריסן געווארן די גאלדענע קייט,
חסידות בעלזא איז געווארן שטארק צעשפרייט.
כ"ק מרן רבינו שליט"א טוט ווייטער די מסורה פירן,
אזוי ווי א קרוין טוט ער די קהילה באצירן.
מוסדות תורה וחסד אין יעדן טייל פון די וועלט,
האט רבינו שליט"א בס"ד אויפגעשטעלט.
דאס מלכות בעלזא טוט ער ווייטער ממשיך זיין,
און זיי הלייגע השפעה שיינט אומעטום אריין.

רבינו שליט"א טוט אונז דעם ריכטיגן וועג אנווייזן,
אין וועלכן צו גיין און נישט חלילה גרייזן.
לייגן דאס וויכטיגקייט דעם יונגן דור מחנך צו זיין,
מען זאל זיך נישט שעמען משיח'ן אקעגן צו גיין.
ימים על ימי מלך תוסיף מיט כח און געזונט,
ביז משיח צדקנו וועט קומען געשווינד.

**ס'ווערט מקויים בחסדי ה' די רייד פון קדושה און מתיקות.**
**"בעלזא וועט זיין א ווינקל פון תורה יר"ש און חסידות".**

**פזמון:**

צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.
מיר הויבן אויף אונזער קול מיט לויב צו דיר,
פאר די פילע נסים אן א שיעור.
אין א יעדע סכנה און צייט באזונדער,
האסטו געוויזן דיינע גרויסע וואונדער.
צום קה רבון עלם ועלמיא,
שבח והודאה פאר די סייעתא דשמיא.

★